YP 2614.60 D

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

NEW YORKER WOCHENBLAT

# ניו יאָרקער וואָכנבלאַט

Vol. XVI. No. 406, October 27, 1950

פרייטאָג, 27טער אָקטאָבער, 1950.

**אין דעם נומער באַטייליקן זיך:**

יצחק ליבמאַן
גרשם באַדער
משה האַלפּערין
וואָלף גליקסמאַן
וו. וואורדסוואָירט
דר. א. אייסען
צבי יוסף כהן
דר. שראַגענהיים
ש. טענענבוים
מ. ירדני
שלמה גרינשפּאַן
דר. ב. דניאל
ה. קופּערוואַסער

יצחק ליבמאַן

## ״קאַפּיטלעך פון דער וואָך״

### די „פּינעף-און-צען“ מעצענאַטן

אונזער חשובער קאָלעגע גרשם באַדער, אין זיין היינט-וואָכיקן ערנסטן אַרויסטריט קעגן דער פּאָליטיק אין אַ גלאָז וואַסער וואָס עס בלעזלט זיך אַרום די מ׳שטיינס-געזאָגט פּריזן, רעדט נאָר אַגב-אורחא-דיק וועגן די „עטלעכע הונדערט דאָלער“. און גראָד וועגן דעם ווילט זיך זאָגן אַ וואָרט.

עס זעט מיר אויס, אַז אויך דער פּרייז-אַראָפּפאַל פון מעצענאַטס-טוואָ אויף אונזער ליטעראַרישער עוועניו דאַרף צוגעשריבן ווערן צו דער מלחמה. ווען מען זאָל, צ. ב., אויסלייגן אַ נייעם שליאַך פון בלייענע שורות — בלייענע שורות פון אידישע אותיותלעך וועגן דעם איבערנאַכט-אויפגעקומענעם גוואַלדאָ-מעצענאַט לואיס לאַמעד — וואָלטן די שורות געקלעקט פון ניו-יאָרק אַזש ביז דעטראָיט — די מעקאַ פון ניגעריש-געבענטשט-און-געזאַלבטער מעצענאַטסטוואָ. ווען ישראל מעץ, מאָריס אייזמאַן, בנימין ווינטער, א. אַנד. פלעגן „אין די גוד אָלד דעיז“ אויסגעבן אויף דער אָדער יענער קולטור-אונטערנעמונג טויזנטער — אויב ניט צענדליקער טויזנטער — דאָלאַרן פלעגט מען ניט בלאָזן וועגן דעם אַפילו אין אַ פּינף-סענטיקן פייפל. זעלטן-ווען פלעגן עטלעכע ווינקל-פאַררוקטע שורות געדרוקט ווערן וועגן דעם אין דער אידישער פּרעסע. און היינט, אָבער, היינט — וויפל ווערט דאָ צעליאַרעמט וועגן די עטלעכע הונדערט דאָלער אַ יאָר וואָס דער לאַמעד-פּריז באַטרעפט? שוין באַלד נישט געבליבן אויף איסט-בראָדוויי קיין אידישער צייטונג-אָנגעשטעלטער וואָס זאָל ניט האָבן באַשריבן די וואונדוירים פון דעם דעטראָיטער אידישן סוחר.

דער שעדלעכער רעזולטאַט פון אָט-דער לאַמעד-רעקלאַמע איז, אַז טאָמער האָט ווער געחלומט פון אַרויסשלעפּן אונזער פאַרהאַקטן ליטעראַרישן פערד-און-וואָגן, אויפן ברייטן טראַקט, האָט אים די וואולגאַרע רעקלאַמע אַרום דער גראָשענער מעצענאַטסטוואָ פאַרשלאָגן דעם אַפּעטיט.

די אינטערעסן פון יעדער ליטעראַטור, און אַ פּשיטא שוין פון דער אידישער, פאָדערן אַז מען זאָל ניט פאַרציגיינערן ערנסטע, אויב ניט אייביקע, גייסטיקע ווערטן. און אין דעם פאַל, פאָדערט די פּשוטע אנשטענדיקייט, אַז מען זאָל ניט טרומייטערן אַזוי פיל וועגן אַזוי ווייניק...

אין רעדנדיק וועגן „מעצענאַטן“: 1) כדאַי צו וויסן, פאַרוואָס זיי האָבן נאָך ניט באַצאָלט (פאַר „מוירטשענדאַיז“) זייער חוב צום „וואָכנבלאַט“; און 2) כדאַי געווען זיי אויפרופן צו אַן „עליה“...

גרשם באַדער

## פּראָבלעמען פון היינט און מאָרגן

### דער „לאַמעד-פאָנד“ און די געווינער פון זיינע פּריזן

פאַראַנען ביי אונז אין אַמעריקע אַ איד אַ גביר און אַ מעצענאַט פון דער אידישער ליטעראַטור, מר. לואיס לאַמעד. האָט זיך אים צוריק מיט אַ צענדליק יאָר פאַרגלוסט, אָנצופירן די טעטיקייט פון זיין מעצענאַטנטום פאַר דער אידישער ליטעראַטור אויף אַ ברייטן מאַס-שטאַב, און דווקא מיט אַ געוויסער „רעקלאַמע“; די גאַנצע וועלט זאָל דערפון וויסן.

האָט ער דאַן באַשטימט, אויסצוטיילן יערלעכע פּריזן צו עטלעכע הונדערט דאָלער פאַר געוויסע אידישע ביכער, וואָס וועלן דערשיינען אין יענעם יאָר — און זייער אינהאַלט וועט זיין אַ וויסנשאַפטלעכער צו אַנטפּלעקן אַ נייעם ווינקל פונם אידישן לעבן אָדער פון דער אידישער געשיכטע...

און אַזוי ווי עס האָט זיך אים געוואָלט, די שרייבער זאָלן וויסן פון אָט דעם וויכטיקן אויפטו זיינעם פאַר זייער טובה און זאָלן זיך טאַקע פלייסיק נעמען צו דער אַרבעט, האָט ער געלאָזט אַנאָנסירן אין די אַמעריקאַנער אידישע צייטונגען, אַז ווער עס האָט אין יענעם יאָר געדרוקט אַזאַ מין חבור אין אידיש, אָדער ער האָט דאָס אַפילו בלויז אָנגעשריבן און וויל עס דרוקן, זאָל דאָס דאָזיקע ווערק אַריינשיקן, און אויב עס פאַרדינט אַ פּריז, וועט עס זיכער דעם פּריז באַקומען.

ווי עס פאַרשטייט זיך, קען אַזאַ מעצענאַט נישט סומך זיין בלויז אויף זיינע אייגענע ליטעראַרישע מבינות, אַליין צו אורטיילן, ווער עס פאַרדינט זיך אַזאַ פּריז און ווער נישט, האָט מר. לאַמעד איבערגעגעבן דעם דאָזיקן ענין פון לייענען די צוגעשיקטע שריפטן און באַשטימען די פּריזן צו אַ גרופּע אידישע שרייבער, וועגן וועלכע ער האָט געדענקט, אַז זי פאַרשטייט דעם צוועק פון זיין פּלאַן און וועט אים העלפן ביי זיין אומפּאַרטייאישער דורכפירונג.

עס פאַרשטייט זיך אויך, אַז יעדער מענטש, עס מעג אַפילו זיין אַזאַ פּראָמינענטער מעצענאַט ווי מר. לאַמעד, קען זיך האָבן זיינע געזעלשאַפטלעכע „סימפּאַטיעס“ און זיין אָפּגעמאַכטע מיינונג, וועלכער פון זיינע נאָענטע פריינט האָט דעם ריכטיקן פאַרשטאַנד, צו קענען אורטיילן וועגן ביכער, וואָס מען וועט צו אים אַריינשיקן. אָט אַזאַ מעצענאַט ווי מר. לאַמעד האָט אויך דאָס פולע רעכט צו אַזאַ מיינונג און ער קען טאָן מיט זיינע פּריזן, וואָס און ווי אַזוי ער וויל...

האָט זיך דאַן מר. לאַמעד אויסגעקליבן עטלעכע פון זיינע פריינט אַלס „פּריז-ריכטער“. האָבן די דאָזיקע ריכטער תיכף ביי זייער ערשטער צוזאַמענקונפט געהאַט אַ טענה צום נדבן, וואָס ער האָט עפּעס באַשטימט די פּריזן דווקא פאַר וויסנשאַפטלעכע ווערק, נישט פאַר לידער און דערציילונגען. האָט מען דאַן שטילערהייט געענדערט

(סוף אויף דער 16טער זייט)

משה האַלפּערין (מינכען)

# דין און רחמים

## (וועגן טויט־שטראָף אין מדינת ישראל)

צוויי פאַרשיידענע צוגאַנגען זיינען פאַראַן: „דין" און „רחמים". דער ערשטער איז האַרב, דער צווייטער איז מילד. דער ערשטער אורטיילט לויט דער ז י נ ד, וועלכער מען דאַרף אויסראָטן; דער צווייטער אורטיילט לויט דעם ז י נ ד י ק ן, וועלכן מען דאַרף באַגנעדיקן.

די דאָזיקע פראַגע איז, פאַרשטייט זיך, אויך נוגע לגבי דעם שווערסטן אורטייל, וואָס עס קאָן נאָר אַרויסגעגעבן ווערן קעגן אַ מענטשן — לגבי טויט־שטראָף. די משנה אין מכות גיט אונז איבער עטלעכע מיינונגען אַרום דער פראַגע. לויט איין מיינונג, איז אַ סנהדרין, וואָס גיט אַרויס אַ טויט־אורטייל איין מאָל אין זיבן יאָר, אַ מערדערישער סנהדרין; לויט אַ צווייטער מיינונג — איין מאָל אין 70 יאָר; אַ דריטע מיינונג איז בכלל פאַרן מבטל מאַכן טויט־שטראָף; אַ פערטע מיינונג האַלט, אַז מבטל מאַכן טויט־שטראָף וועט נאָר פאַרגרעסערן די צאָל פון די מאָרד־פאַלן.

פון דער דאָזיקער משנה ווערן בולט צוויי טענדענצן: מבטל מאַכן טויט־שטראָף, אָדער לאָזן דעם האַרבן דין, אָבער גלייכצייטיק זיך זעלטן באַנוצן מיט אים למעשה, ווייל זאָל מען בכלל אַנולירן טויט־שטראָף וועלן זיך פאַרמערן פאַלן פון מאָרד.

די צוויי צוגאַנגען האָבן צעשיידט אויף אייביק דאָס קריסטנטום און אידנטום. דאָס אידנטום איז „דין" און דאָס קריסטנטום איז „רחמים". דאָס אידנטום האָט געלערנט מידות טובות, ליב געהאַט חסדים, גערופן צו אורטיילן יעדן מענטש לכף זכות; גערופן, ניט צו פאַראורטיילן אַ מענטש ביז מען דערגייט צו זיין לאַגע, פאַרשטאַנען ניט צו שפּאָטן פון אַ הונגעריקן גנב, ווען ער וויל שטילן זיין הונגער, געשאַפן ערי־מקלט פאַר אַן אומשולדיקן מערדער, אַראָפּגענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר „אונס", א. א. וו. אָבער אין י ס ו ד פון אידנטום ליגט דער „דין": „אויב ער האָט ניט, ווערט ער פאַרקויפט פאַר זיין גנבה", דעם מערדער קומט טויט־שטראָף, אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן א. א. וו. אַנטקעגן די געבאָטן פון אידנטום צו באַצאָלן מיט אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ, זאָגט דאָס קריסטנטום: „אויב אַ מענטש וועט דיר געבן אַ קלאַפּ אין דער רעכטער באַק, דאַן שטעל אים צו די לינקע באַק". און דאָ ליגט דער גוואַלדיקער אונטערשייד צווישן די צוויי רעליגיעס: דאָס אידנטום פאַרשטייט, אַז אַ חסיד איז דער יחיד, וואָס פאַרציכטעט אויף זיינס; אָבער ווען מען הייסט דעם מענטש פון פאָרויס פאַרציכטן, איז עס אַן אָנזאָג פאַר דער ברוטאַלער הערשאַפט. פאַרציכטעט אַ מענטש גוטוויליק פאַרן צווייטן, טוט ער מיט אים אַ חסד; הייסט מען אָבער פון פאָרויס האַנדלען לפנים משורת הדין, איז עס אַן אָנזאָג פאַר אַ צווייטער קאַטעגאָריע מענטשן צו רויבן און צו מאָרדן. זאָגט מען, אַז פאַר אַ קלאַפּ באַצאָלט מען מיט אַ קלאַפּ — דאַן איז עס אַ וואָרנונג ניט צו שלאָגן, כדי ניט געשלאָגן צו ווערן; הייסט מען אָבער צושטעלן פאַר דעם שלעגער די צווייטע באַק, נאָכער ווי די ערשטע איז שוין געשלאָגן געוואָרן — איז עס אַ דערמוטיקונג פאַרן שלאָגער, איז אַ פאַרטיילונג פון דער מענטשהייט אין שלעגער און געשלאָגענע. ס'איז אַ אונטערשייד צווישן אַ יחיד, וואָס פאַרציכטעט אַליין אויף זיינע און צווישן די וואָס פריידיקן, אַז אַ נ ד ע ר ע זאָלן פאַרציכטן. דער יחיד מוז זיין אַ בעל־רחמים; די „תורה" פון רחמים פאַרוואַנדלט דאַקעגן רחמנות אין אכזריות. האָט דאָס אידנטום טאַקע פאַרשטאַנען, אַז אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף אמת, דין און שלום, ווייל נאָר וואו ס'הערשט אמת, הערשט דין און נאָר ווען ס'הערשט דין, הערשט שלום. דאַקעגן, אויב שקר ליגט אין יסוד פון א „תורה", דאַן פאָדערט זי אויסצושטרעקן די צווייטע באַק פאַרן שלעגער און במילא איז קיין שלום ניטאָ. ווייל קיין דין איז ניטאָ. איז עס טאַקע ניט קיין צופאַל וואָס דאָס אידנטום מיט זיינע האַרבע דינים, האָט פאַרלאַנגט זיך צו ווענדן אין יעדן דור צו די „כהנים", וואָס זאָלן אים אויסטייטשן די געזעצן (דברים י"ז, ט־י"א). איז עס ניט קיין צופאַל, וואָס אַנשטאָט „אַן אויג פאַר אַן אויג" איז געקומען שפּעטער דער פירוש אין געזעץ אין פאָרם פון געלט־אַנטשעדיקונג. אָבער אין יסוד בלייבט דאָך דאָס געזעץ. דער „דין" — „אַן אויג פאַר אַן אויג". און ניט קיין צופאַל איז עס וואָס די רעליגיע פון „רחמים" און „צושטעלן די צווייטע באַק" איז געוואָרן די רעליגיע פון אונטערדריקונג. די רעליגיע וואָס האָט אָנגעזאָגט אינקוויזיציעס און רדיפות, קרייץ־צוגן און בלוט פאַרגיסונגען, ווייל יעדע תורה, וואָס איז ניט מעלמא הדין, וועט צעשטערן דעם דין צוזאַמען מיט דעם לפנים משורת הדין. אַ לעבעדיקער מענטש פאַרשטייט צייטנווייז אויך צו זיין אַ נוקם, ווייל נקמה איז אַמאָל אויך אַ שטראָף פאַרן זינדיקער. אַזוי ווי מען צאָלט מיט גוטס פאַר גוטס — דאַרף מען אויך צאָלן מיט שלעכטס פאַר שלעכטס. די דאָזיקע צוויי טענדענצן האָבן זיך שפּעטער אויך באַוויזן אין דער מאָדערנער יוריספּרודענץ. די אַזוי גערופענע „ענגלישע" טענדענץ איז האַרב אין געזעץ, אָבער מילד אין רעאַליזירן דעם געזעץ, זיך פאַרופנדיק שטענדיק אויף פאַרשיידענע אַרויסגעגעבענע אורטיילן לקולא. דאַקעגן איז די אַזוי גערופענע „פראַנצויזישע" טענדענץ מילד אין געזעץ, אָבער ניט אַזוי מילד אין זיין רעאַליזירונג. די ערשטע טענדענץ האַלט, אַז דער וואויל פון דער געזעלשאַפט איז דער עיקר; די צווייטע האַלט, אַ דאַנק דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אַז דער וואויל פון יחיד, פון מענטש איז דער עיקר. ווי אַזוי אָבער פראַנקרייך האָט אויסגעזען נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וויפל מאָרד־פאַלן זיינען דאַן געווען, צו וואָס פאַר אַן אַנאַרכיע ס'איז געקומען — איז באַקאַנט פאַר יעדן איינעם. און ענדלעך איז געקומען נאַפּאָלעאָן; און ווי אַזוי ער האָט רעאַליזירט די געבאָטן פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט" — איז אויך באַקאַנט.

⁂

אין ישראל באַהאַנדלט מען איצט די פראַגע פון טויט־שטראָף. אַ טייל האַלט, אַז מען דאַרף מבטל מאַכן טויט־שטראָף. אַנדערע האַלטן, אַז עס דאַרף עקזיסטירן טויט־שטראָף אין ישראל.

דער אמת ליגט אָבער אין מיטן פון די צוויי עקסטרעמע מיינונגען: טויט־שטראָף דאַרף בלייבן אַלס געזעץ, אָבער אין לעבן דאַרף עס למעשה זייער־זייער זעלטן אויסגעפירט ווערן.

ווייל זאָל מען בכלל אַנולירן טויט־שטראָף, וועלן זיך פאַרמערן די פאַלן פון מאָרד און מערדער. ווייל דאַן קאָן זיך עמיצער טראַכטן: איך וועל טאַקע זיצן אין תפיסה, אָבער יענער וועט ליגן אין דער אדמה.

זאָל מען דאַקעגן זיין האַרב ביי דער אויספירונג פון געזעץ, דאַן וועלן די ריכטער באַטראַכט ווערן אַזוי ווי יענע סנהדרין, וואָס האָט אַרויסגעגעבן טויט־אורטיילן איין מאָל אין זיבן, אָדער אין 70 יאָר.

די נייגונג אין דער מאָדערנער יוריספּרודענץ איז זיך צו רעכענען מיט פּרעצעדענצן לקולא. אין אַ קולטורעלער מענטשהייט וועלן מאָרד־פאַלן זיין אַ זעלטענע זאַך, און במילא קאָן מען בכלל אַנולירן טויט־שטראָף. מוז מען זיך נאָך אָבער באַנוצן מיט דעם מיטל — דאַן געפין אויס אַ שיינעם און לייכטן טויט פאַר דעם פאַראורטיילטן, ניט דורך הענגען, נאָר אויף אַ שענעם אופן.

אין ישראל קאָן מען ניט מבטל מאַכן טויט־שטראָף. ווייל נאָרמאָל שפּיגלט אָפּ די קאָנסטיטוציע דעם צושטאַנד פון פאָלק: אַ קאָנסטיטוציע פון פראַנקרייך טויג ניט פאַר די ווילדע נעגערס, און פאַרקערט. באַזירט זיך היינט די וועלט אויף דעם רוימישן קאָדעקס, אָבער יעדע מלוכה האָט אים געענדערט אין געוויסע פּרטים, כדי אים צוצופּאַסן צום גייסט פון איר פאָלק. דער ישוב אין ישראל איז נאָך פאַרלויפיק אַ געמיש פון מערב־אייראָפּעאישע מענטשן און מזרח־אייראָפּעאישע, פון אַן אַלטן ישוב און אַ נייעם, פון אַלטע און נייע עולים, פון אַשכנזים און ספרדים און תימנים א. אַ. וו. בקיצור: פון מענטשן מיט פאַרשיידענע קולטורן און פאָדערונגען. און אין א וואַרעמער לאַנד, וואו עס זיינען אויך דאָ מענטשן מיט הייסע טעמפּעראַמענטן, וועט די אַנולירונג פון טויט־שטראָף אַלס געזעץ זיך ניט גוט אויסווירקן פאַר דער געזעלשאַפט. כדי אויסצוראָטן דעם חטא פון מאָרד, מוז אויך זיין אַ שטראָף, וואָס זאָל וואַרפן אַ מורא אויפן מערדער.

אחד־העם האָט אַמאָל געשריבן וועגן „מדת הדין און מדת

וואָלף גליקסמאַן

# דער אונטערגאַנג פון אידישן וואַרשע

(אַ ווערק וועגן דער וואַרשעווער געטאָ, איר אויפשטאַנד און סוף)

דער יונגער אַמעריקאַנער שריפטשטעלער דזשאָן הוירסי האָט ניט לאַנג צוריק אָנגעשריבן אַ ראָמאַן וועגן דער וואַרשעווער געטאָ און איר אויפשטאַנד. דער בוך א.נ. „דהי וואָל“*) (די וואַנט) האָט אַרויסגערופן באַוואונדערונג ביי אַלע קריטיקער און איז געוואָרן אָנערקענט אַלס איינע פון די וויכטיקסטע ליטעראַרישע שאַפונגען.

דער מחבר איז אַ קריסט, אינגאַנצן 36 יאָר אַלט, און פאַרנעמט שוין אַ גאָר בכבודיקן אָרט אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ער האָט זיך באַקאַנט געמאַכט מיט אַ בוך וועגן אַן איטאַליעניש שטעטל אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה אונטערן נאָמען : „עי בעל פאָר אַדאָנאַ“. פאַר דעם בוך האָט דזשאָן הוירסי באַקומען דעם פוליטצער פרייז פאַרן יאָרן 1944. אַ צווייט בוך, וואָס האָט דעם יונגן מחבר אַרויסגערוקט צו דער מזרח־וואַנט פון די אַמעריקאַנער שרייבער איז געווען „היראָשימאַ“. דאָס איז געווען אַ באַריכט פון אַ רעפאָרטער וועגן דער שטאָט, וואָס איז צעשמעטערט געוואָרן פון אַן אַטאָם באָמבע. דאָס בוך איז אַריין אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור אַלס אַ קלאַסישע שאַפונג.

אָבער דאָס לעצטע בוך זיינס, „די וואַנט“, שטייגט אַריבער אין קוואַליטעט אַלע זיינע ביזאיצטיקע שאַפונגען. הוירסי האָט באַזוכט וואַרשע אין יאָר 1945, קורץ נאָכן סוף פון דער מלחמה. ער האָט געזען די חורבות פון אידישן וואַרשע און דעם באַרג אַש, וואָס איז געבליבן פון די נאַלעווקעס, גענשע, פראַנציסקאַנער, גזשיבאָוו, באַגנע און אַנדערע גאַסן פון דער אַמאָליקער עיר ואם בישראל. ער האָט חורבן וואַרשע פאַראייביקט.

דער מחבר האָט דאָס ווערק געשריבן עטלעכע יאָר. ער האָט עס געטאָן מיט גרויס התמדה. אין אונדזער ווייטערדיקן איבערזיכט וועלן מיר זיך אָפשטעלן אויף געוויסע פרטים אין בוך, וואָס מען קאָן זעלטן געפינען אין דער חורבן־ליטעראַטור געשריבן פון יידן און עדי ראיה. מיר, יידן, דאַרפן הוירסין דאַנקבאַר זיין פאַר דעם, וואָס ער האָט אויסגעקליבן די טעמע „וואַרשעווער געטאָ“ פאַר זיין גרעסטן ווערק. עס איז אין דעם פאַל קיין נפקה מינא ניט וואָס פאַר אַ מיין דער לייענער האָט וועגן בוך. די וויכטיקייט באַשטייט אין דעם, וואָס אַ ניט־איד האָט דערמאָנט די ניט־אידישע וועלט — אָן אונטערשייד פון דער צאָל לייענער — וועגן אַ קאַפיטל באַרבאַרישקייט און מאָרד, באַגאַנגען פון מכלומרשטן „הערנפאָלק“. דער בוך וועט דערמאָנען וועגן דעם פאָלק פון מערדער און הענקער און ניט פון „דיכטער און דענקער“, וואָס איז דערגאַנגען צו קאַניבאַליזם, אומזיניקן ראַסן־האַס און געפאַלן צו דער נידעריקסטער מדרגה פון מענטשלעכער עטיק. מיר זאָגן : „דערמאָנען“ ווייל די ניט־אידישע וועלט מיט אירע פאָליטישע אינטערעסן הייבט אָן צו פאַרגעסן ; ריכטיקער : האָט ש ו י ן פאַרגעסן אין דער נעכטיקער טראַגעדיע. די פאַראינטערעסירטע צדדים דערהייבן שוין דעם נעכטיקן שונא און מערדער צו דער הויך פון אַ פאַרבינדעטן און פריינט. און פאַרוואָס לייקענען ? אויך אַ גרויסער טייל אידן האָט פאַרגעסן און טוט אַלץ צו פאַרגעסן און אָפווישן איינמאָל פאַר אַלעמאָל דעם קאָשמאַר פון נעכטן. די דאָזיקע אידן באַקלאָגן זיך אויף דעם מאַסן דערשיינען פון חורבן־ליטעראַטור. עס גרילצט זיי אין די אויערן ווען זיי הערן וועגן חורבן און קאָנען, נעבעך, ביינאַכט ניט שלאָפן צוליב דעם. דערפאַר, ווי געזאָגט, איז הוירסיס פאַרדינסט גרויס, בפרט אַז דער מחבר האָט דאָס ווערק געשריבן אָן שום פאָראורטיילן צו אידן. להיפוך, דער לייענער פילט הוירסיס סימפאַטיע צו אידן בכלל און צו די אומגליקלעכע וואַרשעווער אידן אין געטאָ בפרט. דער מחבר האָט אַ וואַרעמע באַציאונג צו דער גאַנצער פראָבלעם.

געשריבן איז דער ראָמאַן אין דער פאָרם פון אַ טאָג־בוך פון אַ געוויסן נח לעווינסאָן, אַ פיקטיווע געשטאַלט, אַ כראָניקער און אַרכיוו־מיטאַרבעטער פון דער וואַרשעווער קהילה. ער האָט געזאַמלט אין משך פון די געטאָ־יאָרן מאַטעריאַלן וועגן דעם לעבן אין געטאָ און פאַרנאָטירט זיי. זיינע טאָג־ביכער האָט נח לעווינסאָן באַגראָבן אויף צוויי פאַרשיידענע ערטער אין געטאָ, און איבערגעלאָזט געוויסע סימנים ביי זיינע נאָענטע פריינט ווי אַזוי צו געפינען דעם אָרט, כדי נאָך דער מלחמה זיי אויפצוגראָבן. דזשאָן הוירסי הויבט טאַקע אָן זיין בוך מיט דעם ווי לעווינסאָנס לעבן־געבליבענע פריינט געפינען זיין אַרכיוו ערגעץ וואו אונטער די חורבות פון די אַמאָליקע הייזער אויף נאָוואָליפקי 68 און שווינטאָיערסקע 34. אָט די געפונענע כתב ידן און נאָטיצן האָט הוירסי אויסגענוצט פאַר זיין ראָמאַן. ווי געזאָגט, זיינען דער הויפט־העלד און אַלע אַנדערע פערזאָנען פיקטיווע געשטאַלטן. אונטער נח לעווינסאָן באַהאַלט זיך דער מחבר אַליין. דזשאָן הוירסי איז דער כראָניקער פון דער געטאָ און באַגלייך דער רעדאַקטאָר פון לעווינסאָנס טאָג־בוך.

איידער מיר גייען צו צו אונזערע באַמערקונגען, ווילן מיר געבן בקיצור דעם אינהאַלט פון בוך. אגב, האַלטן מיר, אַז דער טערמין „אינהאַלט“ פאַסט זיך ניט אינגאַנצן אַריין צו באַצייכענען דאָס וואָס געפינט זיך אויף די 632 זייטן פון בוך. און וועגן דעם וועלן מיר ריידן אין אונזער ווייטערדיקער אָפהאַנדלונג.

דער בוך הויבט זיך אָן מיט די לעצטע חדשים פון יאָר 1939, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע. דורך דעם גורל פון דער מלחמה באַפריינדן זיך דריי משפחות מיט פאַרשיידענע אַספעקטן אויף אידיש לעבן. דאָס יונגע פאָרל, דאָלעק און סימקע בערסאָן—האַלב אַסימילירטע אידן ; דער אינגאַנצן אַסימילירטער יוועליר סוחר אָפט מיט זיינע קינדער רחל און האַלינקאַ ; מרדכי און דוד ; דער חסידישער איד מאַזור מיט זיין פרוי און דריי קינדער, רוטקאַ, סטעפאַן און שלמה. אָט די דריי משפחות ווערן שפעטער, דורך דעם גאַנג פון די געשעענישן אין געטאָ, איין גרויסע פאַמיליע. צו אָט דער „פאַמיליע“ קומען צו יחידים ווי לעווינסאָן, אַ רב וואָס גיט אַ היתר צו שעכטן אַ פערד, בתנאי, אַז אַ שוחט זאָל עס טאָן כדין ; אַ בעקער וואָס נעמט אָנטייל און פאַלט ביים אויפשטאַנד ; אָנפירער פון אויפשטאַנד, אַ אידישע לערערן, אַ געוויסער סלאָנים, און אַנדערע. זיי אַלע ווערן איין גרויסע גרופע. זיי מאַכן דורך דעם לעבן אין געטאָ אין אַלע זיינע פאַזן —

* THE WALL by John Hersey, published by Alfred A. Knopf Publishing Co., New York. 1950. 632 pp. $4.00.

---

הרחמים“. צוו. אַנד. ברענגט ער די הגדה, אַז ביים אָנהויב האָט גאָט געוואָלט באַשאַפן די וועלט בלויז מיט מדת הדין, נאָכער האָט ער אָבער משתף געווען צו איר די מידת הרחמים. „משתף געווען“, אָבער „ניט אומגעביטן איינע מיט דער צווייטער“. און אחד־העם זאָגט : „און באמת איז גוט די מידת הרחמים נאָר ווען זי איז מיטבאַטייליקט אין דער מידת הדין. און אויב די ערשטע איז אַ הויכער גראַד אין דעם לייטער פון דער מאָראַלישער אַנטוויקלונג, איז די לעצטע די מאָראַלישע באַזע אויף וועלכער עס שטייט דער גאַנצער לייטער“. און ווייטער שרייבט אחד־העם : „בצדק תשפוט עמיתך“ — „זאָלסט משפטן, אָבער מ י ט צ ד ק“.

די מידת הרחמים איז גוט, ווען זי קומט פאַרלייכטערן דעם מידת הדין, אָבער ניט ווען זי קומט איר פאַרניכטן. גאָט האָט ביידן משתף געווען, ווייל נאָר אויף איינער פון די צוויי מידות וואָלט די וועלט ניט געקאָנט עקזיסטירן, ווייל נאָר אויף די צוויי יסודות צוזאַמען עקזיסטירט שוין די וועלט 5710 יאָר. דער „דין“ איז דאָ, אָבער ווייל מען האָט געמשפט נאָר לויט דין־תורה איז חרוב געוואָרן ירושלים.

„זאָלסט משפטן, אָבער מיט צדק“. און אויב איר ווילט, זאָגט : דער משפט און דער דין זיינען פאַר דער קאָנסטיטוציע. דער צדק און דער רחמים זיינען פאַרן געריכט. — און צוזאַמען האָבן מיר פאַר אונז משפט און צדק, אָדער צדק באַזירט אויף משפט, „רחמים“ אויף „דין“.

מבטל מאַכן טויט־שטראָף באַדייט פאַרמערן שפיכת־דמים אין ישראל ; אַרויסטראָגן אָפט טויט־אורטיילן. איז „סנהדרין חובלנית“. נאָר וואָס זאָל מען טאָן ? טאָן זאָל מען לויט דעם געבאָט פון נביא, וועלכער זאָגט צו אַ נאָענטע ישועה און גאולה. בזכות וואָס ? בזכות דעם וואָס איר וועט מ ש פ ט ן גערעכטיקייט און טאָן צ ד ק ה.

הונגער, נויט, עפּידעמיעס, דעפּאָרטאַציעס און צום סוף: דער אויפשטאַנד און די פאַרניכטונג פון דער געטאָ. עס זיינען אויך אין לעבן פון דער גרופּע געווען מאָמענטן פון אַ חתונה, ברית מילה, פּראַווען אַ סדר בציבור, ליטעראַרישע אָווענטן און אַנדערע מינוטן, ווען אָט די גרופּע האָט זיך פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע פון די צרות.

און אָט אויף דער פאָן פון די איבערלעבענישן פון דער גרופּע האָט הוירסי זיך באַמיט צו איבערגעבן אַ טייל פון דער אידישע־מאַרטיראָלאָגיע אין די טראַגישע יאָרן 1939—1945. די פראַגע איז אויף ווי ווייט דאָס איז געלונגען דעם מחבר.

מיר ווילן באַלד זאָגן, אַז מיר גייען צו צו באַהאַנדלען דעם בוך ווי איינער וואָס האָט מיטגעמאַכט דעם חורבן מראשו ועד סופו. אַזאַ התנצלות איז נויטיק אפשר מער פאַרן מחבר ייִ פאַרן לייענער. מיט סוביעקטיוון צוגאַנג צו אַן ענין איז זייער שווער צו געבן אַן אָביעקטיוו בילד. מיר ווילן אָבער פאַרזיכערן הן דעם מחבר, הן דעם לייענער, אַז מיר האָבן זיך געהאַלטן אין אונזער אָפּהאַנדלונג שטרענג אָביעקטיוו. ווי אַ באַווייז פון אונזער אָביעקטיוויטעט זאָלן דינען די ווערטער פון אַנערקענונג פאַר דזשאַן הוירסי פאַר זיין גרויסער און וויכטיקער אַרבעט.

און דאָך צוליב די בוימער זעט מען ניט דעם וואַלד. מחמת דעם ים מיט פּרטים, דעם אַרומנעמען יעדע פאַזע פון געטאָ־לעבן, איז דאָס גאַנצע בילד פון דער געטאָ־מאַרטיראָלאָגיע פאַרלוירן געגאַנגען. מיר מיינען אָבער ניט מיט דעם צו זאָגן, אַז אין דער „וואַנט" וועט דער לייענער ניט געפינען די געשיכטע פון אידישן לעבן אונטער די נאַציס. להיפוך, סיי דער יחיד וואָס האָט מיטגעמאַכט די נאַצי־צייט, און סיי דער וואָס איז געווען מחוץ דער „וואַנט" וועט געפינען אין בוך זיינע אייגענע איבערלעבענישן און בילדער און עפּיזאָדן פון די טראַגישע יאָרן 1939—1945. און מיר נעמען זיך אונטער צו זאָגן, אַז דאָס איז געווען דעם מחברס כוונה, נעמלאַך, דורך איבערלעבענישן פון יחידים אונז צו געבן אַ בילד וועגן גאַנצן. אויב אַזוי איז עס אים געלונגען. עס קאָן אויך גריילעך זיין, אַז הוירסי האָט זיך ניט געפילט בכח אונז צו געבן די טראַגעדיע פונעם וואַרשעווער געטאָ אין אַן אַנדערער פאָרם ווי אין אַ טאָג־בוך. ווארעם, ווער קאָן איבערגעבן די געפילן פון אַ איד, ווען פוילישע כוליגאַנעס, אין געטאָ גערופן „שמאַלצאָווניקעס", געלט־אויספּרעסער, האָבן דערקענט אויף דער פּוילישער זייט אַלס איד און אים געוואָלט איבערגעבן אין העגט פון דער געסטאַפּאָ? אָדער, למשל, דאָס האַרץ פון אַ אידיש מיידל, וואָס פאָרט אין שליחות פון דער אידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אַלס דאָרפישע שיקסע? הוירסי האָט געזען די גרויסע פּראָבלעם וואָס שטייט פאַר אים, און דערפאַר האָט ער זיך באַגרענעצט איבערצוגעבן פאַקטן, הגם געפורמטע פון אים אַליין. אָבער די געזאַמלטע פאַקטן זיינען אַ גרויסע דערגרייכונג, און ווייזן אָן אויף דעם מחברס גרויסן טאַלענט.

ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט, זיינען מיר ניט אינגאַנצן מסכים מיט דעם טערמין „אינהאַלט" בנוגע דעם בוך. אין אַ טאָג־בוך איז פאַראַן נאָר אַ כראָנאָלאָגישער סדר, אָבער זעלטן אַ המשכדיקייט אין דער אַקציע. אוודאי איז פאַראַן אַ געוויסער אינהאַלט, אָבער נאָר אויבנאויפיק. אוודאי איז די אַקציע פאַרגעקומען אין דער דימענסיע פון צייט, אָבער אָן המשכדיקייט. ניט איינמאָל האָט מען אונטערגענומען אַן אַקציע, געמוזט זי איבעררייסן און אָנהייבן פון דאָסניי. עס איז אונז פיינלעך צו שרייבן וועגן דעם מחמת דעם געוואַלט מיט אַרבעט וואָס הוירסי האָט אַריינגעלייגט אין דעם בוך. ביי אים איז דאַלעק בערסאָנס אַרויסגיין פון געטאָ, כדי איינצוקויפן געווער געגאַנגען גלאַטיק און לויט אַלע „פאָרשריפטן" פון אַרויסגנבענען זיך פון אונטער דער „וואַנט". אָדער, למשל, דאָס אויסבאַהאַלטן זיך ביי גויים. אפילו אַפּטס אַנטלויפן פון געטאָ און אויסבאַהאַלטן זיך אין פאַרשיידענע ערטער ביז אין אַ פערד־שטאַל איז אויך געגאַנגען גלאַטיק. אָדער, צום סוף, דאָס אַרויסגנבענען זיך און אַנטלויפן צו די אידישע פּאַרטיזאַנען פון אַ גרופּע מענטשן וואָס האָבן זיך טעג לאַנג אויסבאַהאַלטן אין די וואַסער און אָפּלויף קאַנאַלן פון דער שטאָט. די אויסגערעכנטע מאָמענטן זיינען ניט געווען אַזוי פשוט. דאָ פעלט דער עמאָציאָנעלער מאָמענט.

עס זיינען אויך פאַראַן אומפּינקטלעכקייטן וואָס שטאַמען פון מחברס פּרעמדקייט אין דעם אידישן רעליגיעזן לעבן. אַזוי, למשל, דערציילט הוירסי, אַז די גרויסע פאַמיליע האָט, מיטן רבס הסכמה, געשאָכטן אַ פערד לויט דעם אידישן דין פון שחיטה און בדיקה... אין די שווערסטע מאָמענטן אין געטאָ האָבן אידן דאָס ניט געטאָן. ניט ריכטיק איז אויך די שילדערונג, אַז אידן האָבן גענוצט אַ האַרמאָניקע אנשטאָט אַ שופר צו תקיעות. אָבער, ווי געזאָגט, דאָס נעמט זיך פון מחברס אומוויסנקייט אין אידישע ענינים. גיכער האָבן די אידישע בעלי יועצים געמאַכט דעם פעלער.

אומפאַרשטענדלעך זיינען די אויסערונגען פון די צוויי הויפּטהעלדן פון אויפשטאַנד: רחל אַפּט און יחיאל זילבערצווייג. די ערשטע קומט צו דער מסקנה פונעם גאַנצן געטאָ גרויל צום „ואהבת לרעך כמוך", אפילו צו די נאַציס. דער צווייטער, דער לאַנגיאָריקער ציוניסט, האָט מורא פאַר אַן עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם אין ארץ־ישראל און דערפאַר וויל ער דאָרטן אַהין ניט פאָרן. אידן האָבן אַזוי ניט געטראַכט אין יענע צייטן און אוודאי ניט אין מינוטן פון קאַמף.

די איינציקע נעגאַטיווע זייטן פון בוך ווילן מיר פאַרענדיקן מיטן מחברס פאַרפעלן צו געבן אונז אַ בילד פון דער דייטשער אכזריות. עס קלינגט ווי אַן אַנאַכראָניזם, אַז דייטשן וואָס האָבן געכאַפּט אידן ביי אַ געהיימען מנין, אפילו ווען פישל שפּונט מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ נאַר און מאַכט דורך זיין טאַנצן די דייטשן לאַכן, אַז די דייטשן זאָלן זאָגן „גייט אַהיים, איר אָרעמע אידן".

דער דוחק אין אָרט מאַכט אונז אוממעגלעך זיך אָפּצושטעלן אויף נאָך אומפּינקטלעכקייטן. מיר מוזן אָבער אָנווייזן אויף אַ קליינעם טייל פון ים מיט פּאָזיטיווע זייטן פון בוך, וואָס האָבן דערהויבן דעם ראָמאַן צו אַ ווערק.

1) די שוועריקייטן און חלוקי דעות ביים גרינדן אַן איינהייטלעכע קאָמאַנדע פאַר דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

2) כוליגאַניזם פון פוילישע גרופּעס אונטער דייטשער פּראָטעקציע.

3) דאָס ממשיך זיין פון אידישן שול־וועזן אין דער געטאָ.

4) דאָס שאַפן פון דער אידישער פּאָליציי און אירע טרויעריקע מעשים.

5) וואַרשע אין טאָג פון גרינדן די געטאָ. דער אויסטויש פון דירות צווישן אידן און גויים, אַ זאַך וואָס מיר האָבן אַליין דערפאָרן און געזען.

6) דאָס באַהאַלטן פון ביבליאָטעקן מיט דער האָפענונג ווידער אַמאָל צו באַנוצן די ביכער.

7) מיטגלידער פון אידן־ראַט העלפן דייטשן ביי סעלעקציעס און דעפּאָרטאַציעס.

8) די אידישע פּאָליציי ביים צושטעלן קעפּ צו דעפּאָרטאַציע.

9) די באַציאונג פון דער פוילישער אונטערערדישער באַוועגונג צו דער אידישער קאַמף־גרופּע.

10) טויט־אורטיילן אויף פאַררעטער, אידישע און פוילישע.

11) אידן באַצאָלן פאַרן טראַנספּאָרט קיין טרעמבלינקע. זיי מוזן באַצאָלן פאַר די באַנען וואָס האָבן זיי געפירט צום טויט. אַ געזעץ פון דער ס. ס. און געסטאַפּאָ.

12) די טרויעריקע „לעשנא 13".

13) אידישע געשעפטן אונטער דייטשן און אידישע מאַשקעס און אויסבאַהעלפער. דער פּרט איז ווינציק צו געפינען אין דער אידישער חורבן־ליטעראַטור.

14) גלייכגילטיקייט פון דער פוילישער באַפעלקערונג אין די טעג ווען די אידישע געטאָ האָט געברענט. קריסטן האָבן אין זייער פּאַסכאַ טאָג געשפּאַצירט אַרום די טויערן פון געטאָ און מיט קאַלטקייט זיך צוגעקוקט צו דער טראַגעדיע פון אינעווייניק.

15) דער איינקויף פון געווער דורך אידן און דאָס מסירת נפש פון די איינקויפער וואָס האָבן זיך געמוזט אַרויסגנבענען אויף דער פוילישער זייט.

16) אינדיווידועלער אידישער העראָאיזם, ווי האַלינקאַ אַפּט, דער אונטערערדישער קוריער צווישן געטאָס.

17) דאָס אַרויסשמוגלען זאַכן פון געטאָ, אינדיווידועלע הילף פון

וויליאַם וואָרדסוואָרט *) — אידיש: דר. א. אייסען

# מיר זיינען זיבן

(1770—1850)

אַן איינפאַך ליד, אַ קינדער-ליד,
פון לעבן און פון טויט! —
ווער לעבן פילט אין יעדן גליד,
וואָס ווייסט ער דאַן פון טויט?

— — — — — — — — — — — — — —

איך האָב באַגעגנט אויף מיין וועג
אַ קינד פון קוים אַכט יאָר;
און שיין געווען איז אָן אַ ברעג
דער קליינערס לאָקן-האָר.

און דאָרפיש האָט זי אויסגעזען,
און אָרימלעך געקליידט;
דאָך ס'האָט איר בליק, באַשטראַלט מיט חן,
פאַרשאַפט מיר טיפן פרייד!

„און ברידערלעך און שוועסטערלעך
וויפל, מיין קינד, זענט איר?"
זי האָט דערשטוינט געענטפערט גלייך:
„פונקט זיבן זיינען מיר".

„וואו אָבער", פרעג איך, „זיינען זיי"? —
„יאָ, זיבן איז פאַראַן",
זאָגט זי, „אין קאַנוויי דינען צוויי,
און צוויי אויפן אָקעאַן.

„און אויף דעם קירך-הויף ליגן צוויי,
מיין שוועסטער און מיין ברודער;
אין קירך-הויף-שטוב ניט ווייט פון זיי
דאָרט וואוין איך מיט מיין מוטער".

„צוויי זיינען אויף דעם אָקעאַן, —
צוויי דינען אין קאַנוויי,
דאָך זאָגסטו: זיבן איז פאַראַן, —
אַ גרייז, ווי איך פאַרשטיי!"

דאָס קינד האָט דאַן געהאַט דאָס וואָרט:
„יאָ, זיבן זיינען מיר;
צוויי ליגן אויף דעם קירך-הויף דאָרט,
ביים בוים, דערצייל איך דיר."

„דו גרייזט", זאָג איך, „האָסט ניט געטראָפן, —
דו — לעבסט, און קוקסט שיין אויס;
אויב צוויי אין קירך-הויף דאָרטן שלאָפן —
דאַן זענט איר פינף דאָך בלויז."

„די קברים זיינען גרין — קום מיט!" —
געענטפערט האָט זי מיר,
„פון מוטערס טיר בלויז 12 שריט,
קום מיט, איך וויַיז זיי דיר.

„איך זיץ דאָרט אָפט און ניי גאַנץ לאַנג,
און שטריק אויף זייער גרוב;
און זינג מיר צו אַ שטיל געזאַנג,
וואָס גרייכט צו זיי אַראָפּ.

„און אָפט אויף יענעם ליבן אָרט,
די זון פאַרגייט שוין רויט,
ברענג איך פון שטוב מיין עסן דאָרט,
מיין ביסל זופּ און ברויט.

„צוערשט אַוועק איז דזשיין; אך! די
איז קראַנק געווען און בלייך!
ביז ליבער גאָט דערלייזט האָט זי —
זי איז געשטאָרבן גלייך.

„צו קבורה האָט מען זי געבראַכט,
אויף יענעם קירך-הויף דאַן, —
ביים קבר זיך געשפּילט, פאַרבראַכט
האָב איך מיט ברודער דזשאָן.

„און ווינטער אין די טיפע שנייען
געגליטשט זיך האָבן מיר;
דאַן איז מיט דזשאָנען וואָס געשען, —
איצט ליגט ער לעבן איר."

„וויפל", פרעג איך, אויפסניי, „זייט איר
ווען גאָט האָט צוויי אַצינד?" —
„איך זאָג דאָך: זיבן זיינען מיר", —
געענטפערט האָט דאָס קינד.

„צוויי זיינען אָבער, זאָגסטו, טויט, —
איז דאָך בלויז פינף געבליבן!"
נאָר ס'העלפט קיין רייד, — ווייל זי האָט פאָרט
געהאַלטן שטאַרק זיך ביי איר וואָרט:
„מיין הער, מיר זיינען זיבן!"

---

* וו. וואָרדסוואָרט איז איינער פון די גרעסטע ענגלישע קלאַסישע דיכטער, דער דיכטער פון נאַטור; די קולטורעלע עלעמענטן פון ענגלאַנד און אַמעריקע פייערן איצט זיין הונדערטסטן יאָר-צייט — רעד.

---

פאַלאַקן און נאָך אַ ים פון פרטים.

אין סך הכל איז די „וואַנט" אַ דאָקומענט אין וועלכן מיר האָבן זיך געגוויטיקט. יעדער דאַרף לייענען דאָס בוך. הוירסי האָט אָבער אונז ניט געגעבן דאָס אויף וואָס דער וואַרשעווער אויפשטאַנד וואַרט. דער דיסטאַנץ פון צייט וואַקסט און דער נייטיקער רעטראָספּעקטיוו ווערט אַלץ רייפער. די טראַגעדיע וואַרשע וואַרט אויף איר גרויסן קינסטלער.

NEW YORKER WOCHENBLAT
(New York Yiddish Weekly)
ISAAC LIEBMAN, *Editor*

Published Weekly from Oct. through April (except weeks of Jewish Holidays) and Monthly from May through September
By *New Yorker Wochenblatt Ass'n*

*Editorial, Business and Executive Offices*
41 UNION SQUARE, NEW YORK 3, N.Y.
Telephone: ALgonquin 5-6393

Yearly Subscription $7.00; Canada $7.50; Foreign $8.00
Reentered as second class matter June 2, 1950, at the Post Office of New York, N.Y., under the Act of March 3, 1879.

זאָל יעדער צושיקן זיין חוב צום „וואָכנבלאַט"

צבי יוסף כהן

# אידיש אין ישראל

(געדרוקט אויפן סמך פון פריער פרעסע — רעד.)

וואָס איז די צוקונפט פון אידיש און וועלכע שטעלונג קענען און דאַרפן די אידען וועלכע לעבן אין ישראל, נעמען צו אָט דער פראַגע? דאָס איז די טעמע פון דעם אַרטיקל.

ווען דאָס אידישע לשון וואָלט געקענט פאַר זיך אַליין רעדן, וואָלט עס, דאַכט זיך, מיר באַדאַרפט זאָגן: באַהיט מיך גאָט פון מיינע פריינט, פון מיינע שונאים וועל איך זיך אַליין היטן. איך זאָג דאָס אַנטקעגן דעם וואָס די פריינט פון אידיש זוכן אַרויפצוצווינגען דאָס לשון אויף דער אידישער מדינה. און אויב זיי פאַרשטייען, אַז זיי קענען ניט דערוואַרטן, אַז אידיש זאָל דאָרט זיין גלייכבאַרעכטיקט מיט העברעאיש, וואָלטן זיי כאָטש געוואָלט, אַז עס זאָל פאַרנעמען דעם צווייטן אָרט אין די שפּראַכן פון לאַנד.

לויט מיין מיינונג, טוען זיי דערמיט דעם אידישן לשון אַ קנאַפּע טובה. וואָרום אין ישראל איז פאַר אידן פאַראַן פּלאַץ בלויז פאַר איין שפּראַך, איז עס פאַרשטייט זיך, אַז די שפּראַך איז העברעאיש. עס איז געזינטער פאַר דעם אידישן פאָלק, פון יעדן שטאַנדפּונקט, צו האָבן אין דער אידישער מדינה בלויז איין שפּראַך.

גענוג וואָס מיר זיינען געווען געצוואונגען אין אונזער צעשפּרייטקייט זיך צו באַנוצן אין יעדן לאַנד וואו מיר האָבן געלעבט, צום ווייניקסטנס מיט דריי שפּראַכן, אין מאַנכע מיט פיר און אָפט מערערע לשונות. אין גאַליציע, למשל, האָבן אידן געמוזט רעדן דייטש, און פּויליש און, עס פאַרשטייט זיך, אידיש און העברעאיש. דאָס זעלבע אויך אין רוסיש־פּוילן, אא״וו. די קעמפער פאַר אידיש טענהן, אַז דאָס לשון איז אַ שטאַרקער פאַנצער קעגן אַסימילאַציע. מיר דאַרפן דערפאַר טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך צו דערהאַלטן דאָס לשון ביים לעבן. דאָס איז טאַקע אמת, רעדט מען אָבער וועגן ישראל, ווייסן מיר, אַז דאָרט איז ניט פאַראַן קיין געפאַר פון אַסימילאַציע און דערפאַר איז איין לשון גענוג.

דער אמת איז, אַז די אידישיסטן זאָגן ניט אַרויס דעם גאַנצן אמת פאַרוואָס זיי ווילן, אַז אידיש זאָל איינגעפלאַנצט ווערן אין דעם אידישן לאַנד. וואָס איז דער אמתער אמת? די פריינט פון אידיש ווייסן, אַז דאָס אידישע לשון לעבט איצט דורך אַ שטאַרקן קריזיס. ערשט מיט וועלכע פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָבן איבער דער וועלט גערעדט און פאַרשטאַנען אידיש אַן ערך צען מיליאָן אידן. איצט די צאָל אידן וועלכע ריידן און פאַרשטייען אידיש רעדוצירט געוואָרן מעגלעך צו צוויי, אָדער העכסטענס צו צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן. מען דאַרף אויך געדענקן, אַז מען קען בשום אופן ניט פאַרגלייכן די באַציאונג צו אידיש פון די אידן וועלכע האָבן געלעבט אין פּוילן צו דער פון די אידן וועלכע לעבן אין די פאַרשיידענע לענדער אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. די לאַגע פון אונזער פאָלקס־שפּראַך איז דערפאַר אַ קריטישע, און די צוקונפט — אַן אומזיכערע. אין ישראל פילן זיי, וואָלט מען געקאָנט שאַפן פאַר אידיש אַ שטאַרקע פעסטונג און פאַרזיכערן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג און לעבן פונם אידישן לשון.

מען מוז צוגעבן, אַז דאָס איז אַ זייער שטאַרקער אַרגומענט צום גונסטן פון אידיש. די פראַגע איז אָבער: מיט וועלכע רעכט קומען אָט די מענטשן צו שטעלן פאָדערונגען צו ישראל? וואָס, פרעגט זיך, האָבן זיי געטאָן צו פאַרפלאַנצן דאָס אידישע לשון אין ארץ־ישראל? די העברעער, די וואָס האָבן געוואָלט אויפלעבן די שפּראַך פון תנ״ך, פון די נביאים, האָבן געוואוסט, אַז דאָס איינציקע לאַנד וואו די שפּראַך קען האָבן אַ צוקונפט, איז ארץ־ישראל. זיי האָבן דערפאַר געמאַכט זייער היים אין יענעם לאַנד. זיי האָבן זיך ניט פאַרלאָזן אויף קיין נסים. אונזערע בעסטע דענקער און שאַפער האָבן זיך דאָרט באַזעצט און טאַקע געבראַכט גרויסע קרבנות פאַר דער אויפלעבונג פונם לאַנד און במילא אויך פון דער שפּראַך. איך וועל דאָ בלויז דערמאָנער עטלעכע נעמען: בן יהודה, מרדכי בן הלל הכהן, אַחד־העם, אוסישקין, ביאַליק, י. ח. ראַווניצקי, טשערניכאָווסקי, יוסף קלויזנער, נחום סלושץ, שמריהו לעווין א. א.



זאָלן, אדרבא, די, וואָס ווילן איצט אַרויפצווינגען אידיש אויף דער אידישער מדינה, אָנרופן די נעמען פון די אידישע שרייבער וועלכע האָבן זיך אַריבערגעפּעקלט קיין ארץ־ישראל און געמאַכט דאָרטן זייער היים? מיר איז ניט באַקאַנט קיין אינציקער. ערשט לעצטנס, ווען עס איז שוין פּראָקלאַמירט געוואָרן די אידישע מדינה, האָט זיך דאָרט באַזעצט דוד פּינסקי.

מיר וועלן גיין אַביסל ווייטער. וויפיל פון די, וואָס ווילן פאַרפלאַנצן אידיש אין ישראל, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעט פאַר דער רעאַליזירונג פונם ציוניסטישן אידעאַל? פאַרקערט, אויף וויפיל מיר ווייסן, האָבן זיי גאָר אָנגעפירט אַ סיסטעמאַטישן קאַמף קעגן ציוניזם. און דאָ וויל איך נאָך אַמאָל זאָגן, אַז איך ברענג אַרויס אָט דעם פאַקט, ניט ווייל איך וויל וועמען אויפוואַרפן אַלטע חשבונות. מיר זאָגן, אַז כל ישראל יש להם חלק בישראל. אָבער ווי האָט אַמאָל געזאָגט נחום סאָקאָלאָוו, ע״ה: „אַ בעל תשובה זיין איז טאַקע אַ גרויסע זאַך, נאָר פאַר קיין רבֿ הכולל אין פּראָג דאַרף מען אים ניט מאַכן.“ אַביסל באַשיידנקייט קען ניט שאַטן.

פון דער אַנדערער זייט, וויל איך זאָגן, אַז די וועלכע שלאָגן פאָר, אַז מיר אַליין זאָלן פירן דאָס אידישע לשון צו דער עקידה, אָדער אַז מיר דאַרפן פאַרגעסן די אידישע קלאַסיקער, אא״וו, ריידן, זאָלן זיי מיר מוחל זיין, ניט באַרעכנט, אָדער גאָר נאַרישקייטן. פאַרשלאָגן, אַז אַ פאָלק וואָס איז אומעטום אין דער מינדערהייט און איז דערפאַר אין געפאַר צו ווערן פאַרשלונגען פון דער מערהייט, זאָל אויפגעבן אַ לשון אויף וועלכן עס ריידן נאָך איצט מיליאָנען אידן, צייגט ווייניק פאַרשטענדעניש פון דער לאַגע.

מיר פאַרשטייען זייער גוט וואָס עס האָט געטריבן די העברעער צו דער קעגנערישער שטעלונג. איין עקסטרעם רופט אַרויס אַ צווייטן עקסטרעם. ווי זאָגט מען אויף אידיש: וואָס פאַר אַ גוט־מאָרגן, אַזאַ גוט־יאָר. איר פאָדערט צופיל, לאָזן מיר אייך וויסן, אַז איר זייט צו גאָרנישט באַרעכטיקט. צום גליק זיינען דאָס מיינונגען בלויז פון יחידים און אויך ניט פון קיין פירנדיקע פערזענלעכקייטן פון מדינת ישראל.

איך וויל דאָ מיט פאַקטן און ציפערן פעסטשטעלן, פאַרוואָס עס איז נישטאָ אין ישראל קיין פּלאַץ פאַר צוויי אידישע לשונות. מיר ציילן איצט אין ישראל אַ מיליאָן מיט הונדערט טויזנט אידן. כמעט אַ העלפט פון זיי קומען פון לענדער וואו אידיש איז ניט גערעדט געוואָרן. דאָס לשון איז זיי לגמרי פרעמד. פאַר זיי דאַרף מען קיין אידיש ניט איינפירן. פאַרקערט, דאָס וואָלט זיי צעמישט און געמאַכט זייער לעבן נאָך שווערער ווי עס איז. עס זיינען קיין ארץ ישראל אַריינגעקומען אַ פערטל מיליאָן אידן פון דייטשלאַנד און פון עסטרייך אין דער צייט פונם היטלער רעזשים. זיי פאָדערן נישט קיין אידיש. די עלטערע ריידן דייטש, גיבן אַרויס דייטשע צייטונגען און די קינדער לערנען זיך, מיט פאַרגעניגן, העברעאיש. אין פאַרלויף פון די יאָרן נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע, איז אין ארץ ישראל איינגעפירט געוואָרן אַ שולן־סיסטעם, וואָס האָט דערצויגן צום ווינציקסטנס צוויי הונדערט טויזנט קינדער, וועלכע זיינען שוין איצט דערוואַקסענע און העברעאיש איז זייער שפּראַך. ביי היינטיקן טאָג גייען צוויי הונדערט טויזנט קינדער אין די שולן אין ארץ ישראל, אויך זיי נייטיקן זיך ניט אין נאָך אַ לשון בכדי זיי זאָלן זיך פילן באַקוועם. זייער שפּראַך וועט זיכער זיין העברעאיש.

די גרויסע צאָל חלוצים, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין ארץ ישראל פון זינט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — זיי האָבן דורכגעמאַכט הכשרה איידער זיי זיינען אַריינגעקומען אינם לאַנד פון זייערע האָפענונגען, זיי האָבן זיך באַזעצט אין קבוצים, מושבות און האָבן זיך איינגעלעבט מיט דער העברעאישער שפּראַך. זיי זיינען צופרידן. אַז די עלטערע קאָלאָניסטן זיינען פאַר העברעאיש, איז דאָך אָפּגערעדט. ווער איז דען מיט יאָרן צוריק געפאָרן קיין ארץ ישראל, זיך דאָרט צו באַזעצן, אויב ניט ציוניסטן, וועלכע האָבן שוין אין גלות געאַרבעט פאַר תחית השפה?

עס קען זיין, אַז עס זיינען פאַראַן אין לאַנד אַ געוויסע צאָל נייאַריבערגעקומענע, פאַר וועמען עס איז ניט גרינג אויפצוכאַפּן העברעאיש אין אַ קורצער צייט. אידיש וואָלט פאַר זיי געווען באַקוועמער.

טאָ ווער, פרעגט זיך, שטערט זיי דען צו ריידן אידיש? אַז מען שטערט ניט די דייטשע אידן צו ריידן דייטש, וועט וועמען איינפאַלן צו שטערן אידישע אידן צו ריידן אידיש? פאַקטיש האָבן מיר ניט געהערט, אַז ישראלים זאָלן זיך באַקלאָגן, אַז ווער עס איז זאָל זיי שטערן צו ריידן זייער לשון, אָדער זאָל זיך צוליב דעם באַציען מיט ווייניק דרך ארץ צו זיי. מיר האָבן אַפילו ניט געהערט, אַז אידיש־ריידנדיקע אידן האָבן געוואָלט דאָרט אַרויסגעבן אַ טעגלעכע אידישע צייטונג, נאָר די רעגירונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן זיי די פאַרלאַנגטע דערלויבעניש. דאָס האָט, מעגלעך, פאַרלאַנגט אַן אויסלענדער, וועלכער האָט געזוכט צו מאַכן פּראָפיטן פאַר זיך, און איך דענק, אַז די רעגירונג האָט ריכטיק געהאַנדלט, ווען זי האָט אָפּגעזאָגט צו געבן אים די דערלויבעניש.

די קעמפער פאַר אידיש טענהן, אַז אין ארץ ישראל קענען לעבן ביידע שפּראַכן, ווייל אין דער שווייץ לעבן גאַנצע דריי שפּראַכן. דאָס איז טאַקע אמת, ניט מער, דער פאַרגלייך הינקט אַביסל אונטער. אין שווייצאַריע רעדט מען דריי שפּראַכן, ווייל דאָרטן לעבן קינדער פון דריי באַזונדערע פעלקער: דייטשן, פראַנצויזן און איטאַליענער. יעדע גרופּע רעדט זיך איר שפּראַך. אין פּאַרלאַמענט ריידן די פאַרטרעטער פון יעדער גרופּע אויף דעם לשון פון די, וועמען זיי פאַרטרעטן. אין ישראל ריידן די אַראַבער אויף אַראַביש און עס פאַלט קיינעם ניט איין זיי צו שטערן. ביי אונז, אין אַמעריקע, רעדט מען אויף פערציק פאַרשיידענע לשונות. דאָס לאַנד, אָבער, האָט איין לשון. די בני ישראל אין ישראל זיינען איין פאָלק און העבראַאיש, די שפּראַך וואָס האָט אינם לאַנד געהערשט ווען מיר זיינען אַמאָל אַ פאָלק געווען, וועט דאָרטן הערשן איצט און אין דער צוקונפט. דאָס איז דער וואונטש פון די בני ישראל אין מדינת ישראל און איך גלויב, אַז מיר האָבן בכלל ניט קיין רעכט זיך אַריינצומישן.

---

און וואָס, פרעגט מען, וועט ווערן מיט אידיש? מיר ווייסן דאָך, אַז דערווייל ריידן נאָך אַ גאָר גרויסע צאָל אידן איבער דער וועלט אידיש און דאָס לשון איז אַ גרויסער כוח קעגן אַסימילאַציע. עס איז דערפאַר אין די אינטערעסן פון דער צוקונפט פונם אידישן פאָלק, אַז דאָס לשון זאָל אויפגעהאַלטן ווערן. אידיש קען און וועט נאָך פאַר אַ סך יאָרן דינען אַלס אַ בריק צווישן די אידן אין ישראל און זייערע מיליאָנען ברידער אין חוץ לארץ. עס איז וויכטיק, אַז ווען אַ איד וואָס רעדט אידיש וועט קומען אינם אידישן לאַנד, זאָל ער זיך דאָרטן ניט פילן ווי אַ פרעמדער. ער דאַרף זיך קענען צוזאַמענריידן מיט זיינע ברידער. און, פאַרקערט, ווען אַ איד פון ישראל וועט קומען אין חוץ לארץ און וועט זיך טרעפן מיט זיינע ברידער וואָס ריידן אידיש, זאָל ער פילן, אַז ער איז צווישן אייגענע. דערפאַר, זאָג איך, דאַרף אין ישראל הערשן אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום אידישן לשון.

עס פרעגט זיך: אויף וואָס פאַר אַן אופן זאָל זיך אויסדריקן די שטעלונג פון ישראל צו אידיש? אָט האָט דער העבראַאישער אוניווערזיטעט באַשלאָסן צו שאַפן אַ קאַטעדרע פאַר אידיש און איצט זוכט מען איינעם וואָס זאָל האָבן דעם ווערט אַזאַ שטול צו פאַרנעמען. מען וואָלט געדאַרפט איינפירן דאָס לערנען פון אידיש אין די העכערע שולן. עס דאַרף געשאַפן ווערן אַ קאָמיסיע וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט אַרויסגעבן די בעסערע ווערק פון אידישע שרייבער אין העבראַאישער איבערזעצונג. זאָלן די קינדער אין ישראל לייענען, און עס איז מעגלעך, זיי וועלן דאַן באַקומען חשק צו לייענען דיזעלבע ווערק אינם אָריגינאַל.

היוצא לנו מדברינו: זאָלן די אמתע פריינט פון אידיש וואָס ווילן באמת עפּעס אויפטאָן פאַר דעם לשון אין ישראל, קודם געפינען די פּאַסיקע פּערזאָנען וואָס זאָלן זיך שטעלן אויף דער שפּיץ פון אַזאַ הייליקער אַרבעט. זאָלן זיי טאָן דאָס, וואָס עס האָבן געטאָן דאָרט די העברעער: שאַפן אַ גרויסן פאַרלאַג אויף אַרויסצוגעבן די דערמאָנטע ווערק, און אַנדערע; פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דעם „דעפּאַרטמענט פון בילדונג" וועגן איינפירן אידיש אין די העכערע שולן. דאָס אַלעס מוז אָבער געטאָן ווערן פון אידן וואָס וואוינען דאָרט, אָט, למשל, ווי דוד פּינסקי, אאַז"וו. אויב אין ישראל געפינען זיך איצט ניט די פּאַסיקע מענטשן, דאַרף מען זיי געפינען אין חוץ לארץ. זיי דאַרפן זיך דאָרט באַזעצן, מאַכן זייער היים אינם אידישן לאַנד און, גראַדענווייז, אַריינברענגען דאָרט דאָס אידישע לשון, אָן פּרעטענזיעס צו ווערן אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. מיט זיצן אין ניו־יאָרק, אָדער בוענאָס איירעס, און שרייבן אַרטיקלען פאַר אידיש אין ישראל וועט מען פיל ניט אויפטאָן. די אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן אויפן אָרט פון מענטשן וועלכע זיינען ראוי און פעאיק פאַר דער אַרבעט.

וועגן דעם וואָס עס קען און דאַרף געטאָן ווערן פאַר דער צוקונפט פון אידיש אין חוץ לארץ, ספּעציעל ביי אונז אין אַמעריקע — אינם קומענדיקן אַרטיקל.

דר. א. שראַגענהיים

# אברהם ברוידעס — אַרבעטער דיכטער פון ישראל

(צו דער דערשיינונג פון זיין בוך לידער „פון מענטש צו מענטש" — „מאדם לאדם")

אברהם ברוידעס פאַרנעמט אַ באַזונדערן פּלאַץ אין דער נייער העבראַאישער ליטעראַטור אין ישראל. זיינע לידער זיינען אַ מין לירישער אויפברויז, מיט שטימונגען וועגן נייעם אידישן אויפבוי. אַרבעטנדיק אַליין אין די קבוצות און ביי די געביידעס איז ער געוואָרן דורכגעדרונגען מיטן פּיאָנערן גייסט. דעריבער אָטעמט זיין דיכטונג מיט מאָזאָלער אַרבעט, האַמער־קלאַפּעריי.

געקומען אַלס יונגער אינגל פון ווילנע אין יאָר 1923, איז ער איינער פון די גרינדער פון „הסתדרות הנוער העובד", די אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעטער יוגנט אין ישראל.

ער איז דער זינגער פון אַ נייעם זשאַנר, וואָס אַנטדעקט פאַרן לעזער אינטימע סודות פון חיי נשמה. אַ באַזונדער חן איז אויסגעגאָסן אויף דער סעריע פון זיינע פאַמיליען־לידער, וואָס זיינען אייגנאַרטיק אין דער העבראַאישער ליטעראַטור. אינטימקייט און פאָלקסטימלעכקייט זיינען די אייגנשאַפטן פון זיינע פערזן, וואָס אַ טייל פון זיי ווערן ביז היינט געזונגען.

ער האָט אַן אויג פאַר פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון „פאַרלאָזענע קינדער, אַן טאַטע־מאַמע, אויף וועלכער דער הימל איז פאַרשוואַרצט", אָדער בעת ער באַזינגט דעם שיך־פּוצער, די וועשערין, דעם שוסטערגעזעל, די קעכין און אַז וו. און זיך צוקוקנדיק צום קליינעם מאַן מיט זיין לייד און פּיין, וואָס קיינער באַמערקט נישט: „אַ מענטש צו אַ מענטש איז טויב און בלינד ווי אַ שטיין צו אַ שטיין אויף אַ וויסטן באַרג."

ברוידעס' לידער האָבן נישט קיין תהומדיקע טיפעניש, דערפאַר אָבער איז ער דער פּאָפּולערסטער דיכטער וואָס זינגט וועגן די ליידן און אָרעמקייט פונם אַרבעטער מענטש און זיינע שווערע קאַמפן פאַרן עקזיסטענץ. ער האָט נישט קיין גלייכן מיט זיין אויפריכטיקייט און זיין פּשטות.

בעת ער האָט באַקומען דעם פּריז פאַר שיינער ליטעראַטור פון עירית תל־אביב האָבן די ריכטער, די שרייבער י. בורלא, אשר באראש, נתן גרינבלאַט און ב. קרופּניק באַטאָנט אין זייערע מאָטיוון:

„ברוידעס' דיכטונג איז שטענדיק געשטעמפּלט מיט באַזונדערע אייגנשאַפטן. אינם כאָר פון אונזערע דיכטער האָט זיך אויסגעטיילט זיין שטים, ס'איז די שטים, וואָס קומט פון די טיפענישן פון אַ מענטשנס האַרץ. דער פּיין פונם מענטשן, זיין איינזאַמקייט, זיין טרויער, די מאַכטלאָזיקייט פון די געקריוודעטע און באַרויבטע און זייער פאַרפלאָנטערטער גורל — אַלץ האָט אַן אָפּקלאַנג אין זיין ליד."

וועגן ברוידעס' האָט מען ביי אונז אין ישראל שוין אַ סך געשריבן. דער דיכטער צבי קראָל האָט אין זיין אַרטיקל „שירת הנגלה" אָנגעוויזן אַז ברוידעס האָט שטענדיק געגעבן אין זיין ליד לירישע פּאָעזיע און אַחוץ זיין באַזינגען די נויט פון אַרבעטער האָט ער אַ סך ציטער טענער פון קאָסמאָס ניגון און אַחוץ קומער און באַליידיקונג האָט ער אויך אַן אויג פאַר די הערלעכקייטן פון דער ארץ־ישראלדיקער ליטעראַטור און באַזינגט אירע לאַנדשאַפטן, חיות און בלומען.

ברוידעס האָט זיין אייגענעם ניגון און זיין אייגענעם סטיל. זיין

יצחק ליבמאַן

# עס רעדט די פרוי

## א

עס רעדט די פֿרוי —
די נייע פֿרוי;
זי רעדט צו וועלט —
צי סתם אַזוי?

זי רעדט ניט סתם
קיין „ניין מאָס רייד";
עס ווײנט איר האַרץ,
פֿאַרפֿולט מיט לייד.

עס ברענט איר וואָרט,
און ברענט ניט סתם;
זי פֿייערט אויף
„שערשעי לאַ פֿאַם"...

ווייל זינט די טעג
פֿון חוהס זינד —
איז יעדער „קלוג",
אַפֿילו — קינד...

און יעדער קלינגט
דעם צווייטן אוים;
די חכמה שפּראָצט
פֿון ליאַדע הויז.

---

**אייגנאַרטיקייט איז אין זיין פשטות.**

די קאָמפּליצירטקייט פון חלוץ און זיין נשמה־לעבן ווערן ביי אים געשילדערט מיט אַ פשוטן לשון, אָן שום „ליטעראַרישקייט". דאָ איז ברוידעס דער מייסטער פון העברעאיש. זיין לידער־פאָרם איז פריי און לייכט, ריטמיש, ספּאָנטאַן, ווי דער אָטעם ביים ריידן.

דו הערסט ביי אים דעם אויפברויז פון דער נשמה און איר וויי. לירישע, טיף־דורכגעלעבטע שורות זיינען ביי אים די איבערלע־בענישן פון אַרבעטער אין אַ חאַמסין־טאָג אונטער דער ברענענדיקער זון:

„נישט אומזיסט, מיינע ברידער, טריפט אונזער שוויס,
פליסט אונזער בלום
אין די דאָרטיקע זאַמדן
און ס'פלאַקערן קערפערס אין חאמסין־טעג.
מיר זיינען פאַרברענטע עקשנים פון דורות
שלעפּן אַ יאָך מיט פאַרביסענע ליפּן
און טאַנצן אַ האָראַ פאַרמאַטערטערהייט.

מיר ווייסן:
ס'וועט דאָ נאָך שמעקן זאַפטיקע תבואה
פון פאַרשאָלטענע בלאָטעס
און שפּראָצן אַ דופטיקער פרילינג
מיט הילכיקע פויערשע לידער
אויף אייגענער אידישער ערד:

אברהם ברוידעס איז דער האָרעפּאַשניק אין אונזער נייער ליטע־ראַטור. ער האָט געגעבן אַ בוך לידער וואָס שאַפט אָפּ דעם פאַראור־טייל אַז די העברעאישע דיכטונג איז נישט קיין אָפּשפּיגלונג פון לעבן. זיינע אַלע לידער זיינען אַ באַגאַזש פון לעבן און לייד, און דערמיט איז ער אַ יחיד במינו אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור.



און קלענער נאָך
פֿון קלוג אַליין —
איז ער, דער האַר,
דער מאַן אין קרוין...

נאָר ער, דער מאַן,
דער קלוגער גרוי —
ערשט ער שטאַרט בלינד
צום שטאַלט פֿון פֿרוי.

מיט ווייסן פֿון
דער גאָרער וועלט —
פֿעלט אים אים זין
פֿאַר חוהס צעלט.

ער ווייסט דעם סוד
פֿון העכסטן שווינג;
נאָר האָט ניט וואָרט
פֿאַר ליבע־זינג.

ער מעסט די טיף
פֿון טיפֿסטן ים;
נאָר שאַצט אַ פֿרוי
ווי יעדער חם.

ער זעט דעם סוף
פֿון וועלטס פֿאַרניי;
נאָר ניט זיין וויב,
אין שלאַנק געדריי.

ער הערט דעם שאָרך
פֿון מינדסטן זאַנג;
נאָר ניט איר רויש,
דעם לילית־גאַנג.

ער פֿירט די וועלט
מיט שמשון־מאַכט;
נאָר דלילהס ריר
זיין טראָן צעקראַכט.

פֿון צאָרן־ווינט
ער אַנט דעם שטראָם;
נאָר ס'פֿירט אים גאַנג
אַלץ־איינס צו סדום.

טאָ הערט די רייד
פֿון נייער פֿרוי;
עס טאָגט איר שעה,
פֿאַרהילט אין טוי.

זי שוועבט צוריק
מיט רוט אין האַנט;
פֿאַר רו און גליק
אין יעדן לאַנד.

---

(המשך קומט)

ש. טענענבוים

# די וועלט פון א. לוצקי

„אַ בוך צום לעבן" (ספר לחיים) פון א. לוצקי. ניו־יאָרק, 1948.

(צו זיין 35־יאָריקן יובל)

מעשה בראשית איז דער אָנפאַנג פון דער וועלט־באַשאַפונג. פאַרן פּאָעט א. לוצקי — אין זיין נייעסטן בוך „אַ בוך צום לעבן", ווי אין זיינע פריערדיקע ביכער, האָט זיך מעשה בראשית קיינמאָל נישט געענדיקט. יעדער טאָג, יעדע מינוט, יעדער רגע געשעט מעשה בראשית. די וועלט רוט נישט. די וועלט האַלט זיך כסדר אין שאַפן, איבערשאַפן, באַשאַפן. זיין וועלט איז אין שטענדיקן צושטאַנד פון ווערן. פון אומוואַנדלען זיך און פאַרוואַנדלען. אין דער דאָזיקער וועלט הערשן אייביק שעפערישע כוחות. די וועלט איז אין שטענדיקן מאַכן זיך. מעשה בראשית איז אַ פּערמאַנענטער פּראָצעס וואָס איז אייביק. פּאָעט שטייט ביי איר סאַמע אָנפאַנג פון וועלט־געבורט. פּאָעט איז נישט ערשט אָדער נעכטן אָדער מיט אַ יאָר צוריק געבוירן געוואָרן. פּאָעט און וועלט זיינען איינס. פּאָעט איז עדות און די וועלט, ביידע, זיינען אָרגאַניש געקניפּט און געבונדן.

„אַ מורא מיך באַפאַלט —
וויפל איך בין אַלט.
איך בין אָנגעזעצט מיט יאָרן
ווי די ביימער אין אַ וואַלד."

אָדער:

„וויפל יאָרן הונדערטער
שלאָגסטו דורך אין דיין זכרון!
וויפל יאָרן טויזנטער געדענקסטו!"

אין אַ וועלט מיט לידער דערציילט דער פּאָעט ווי אַלט ער איז, אָדער ווי אַלט ער איז נישט. פון אָנפאַנג פון מעשה בראשית שטייט דער פּאָעט — ביים פלאַמען פון דער ערד, ביים קאָכן זיך פון די טייכן, ביים נידערן פון די טאָלן, ביים וואַקסן פון די בערג, ביי די ערד־ציטערנישן, ביי די ברענענישן פון די וועלדער. ער שטייט — דאָס גרייז־גרויע מענטשנ־קינד ביים כוואַליע זיך פון די דורות. איין ליד הייסט „איך בין אָדם". אָבער נאָך עלטער ווי אָדם איז דער פּאָעט. ער איז עלטער ווי די חיה. ווי דער פיש. ווי די מאַלפּע. מיט איין וואָרט — ער באַקומט חוצפה און שטעלט זיך אַוועק אויף איין פּלאַץ מיט גאָט. גאָט האָט באַשאַפן דעם בלאַסן, טראַגישן, קאָנפליקט־רייכן מענטש. לוצקי איז מענטש. גאָט האָט געשפּאָלטן די פינצטערניש מיט זיין וואָרט־דימענט, לוצקי איז אין דער פינצטערניש און דער דימענט שניידט זיין האַרץ. מיט גאָט שטייט ער ביים פלאַם פון די שטערן. מיט גאָט פאַלט ער. מיט גאָט באַדויערט ער און מיט גאָט גייט ער אין אַ טאַנץ אַרום דעם לעבען פון אוניווערס.

צוזאַמען מיטן טאָג־טעגלעכן מעשה בראשית שטייט ער פאַרגאַפט איבער דער אומגעהויערער קאָסמישער אַקטיוויטעט. ער הערט קיין מאָמענט נישט אויף זיך צו וואונדערן איבער דער דאָזיקער ווילדער, דיסציפּלינירטער, כאַאָטישער און דאָך אָרגאַניזירטער אַקטיוויטעט.

„איך קען מיך גאָרנישט אָנזעטן מיט דער וועלט.
איך קען מיך גאָרנישט אַנטווישן מיטן לעבן,
איך קוועל אַ קוועלעניש פון טיפע טיפענישן.
ס'איז אויף מיר אַן איבערגוס,
אַן איבערפלוס,
אַ גרויסער אויפגעברויז.
איך זינק אַריין אין זינקעניש פון נחת'ן.
ס'איז אויף מיר אַ גליקעניש,
אַ קוויקעניש,
אַ פרייד-פאַרהיקעניש,
גאָרנישט טרעפט מיט מיר,
נאָר דווקא אין דעם גאָרנישט
לעב איך דורך אַ גרויס
געטרעפעניש.
און איינזאַם ווער איך אויפגעריכט
מיט גרויסער וועלטס געשעעניש,
מיט צווייטס פאַרלויפעניש.
איך בין וועלטס דער גרעסטער חסיד."

אַלע לידער פון א. לוצקי זיינען דורכגענומען מיטן וואונדער און באַוואונדערן פון דער וועלט. בשעת אַלע זיינען פאַרנומען, אין דער פילאָזאָפיע, אין דער פּאָעזיע, אין דער וועלטס פּראָזע —— מיט פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, מיטן זוכן דעם פילאָזאָפישן שטיין, מיטן פייניקן זיך איבערן אַלכעמישן סעקרעט פון שלאָגן גאָלד פון שטיין, איבער די רעטענישן פון געבורט און טויט, איבער די אומגעהויערע אוצרות פון וויסן — שטייט לוצקי אין שטוינונג פאַרגאַפט אַפילו פאַרן נישט־וויסן. שוין דאָס נישט־וויסן איז פאַר אים די וואונדערלעכסטע זאַך.

„דאָס פנים מיינס פאַרויסגעשפּאַרט,
געשפּאַנטער מיט דערשטוינונג
אין דער וועלט פון סתם אַריין,
מיט אַן אַ שיר געפינעניש
און איך דער וויט-פאַרציוטיקער,
מיט אַן אַ שיר אומוויסעניש."

אַ וועלט מיט לידער פון „וויים איך טאַקע נישט". אָבער ווי זיס איז דאָס נישט וויסן, דאָס שטומע מיטטאַנצן מיטן גרויסן שטראָם פון לעבן. מיטן ווילדן, ריטמישן, דינאַמישן, אינערציעפולן שטראָם פון לעבן.

פונוואַנען קומט די וועלט? — פרעגט אומדערמידלעך דער גרייז־גרויער מענטש. שוין דער מענטש מיטן אוראַנג־אוטאַנגישן פנים איז איינזאַם געשטאַנען אין גרויסן דזשאָנגל און ווען די זון איז בלוטיק פאַרגאַנגען און פאַרפלעקט דעם בלויען הימל, האָט ער באַטראַכט די שטערן־וואונדן און געפייניקט זיין מוח, וואָס ער האָט בירושה איבערגעגעבן צו פּלאַטאָ, שאָפּענהויער, העגעל און שפּינאָזאַ. אָבער דער אמתער פּאָעט פרעגט נישט. פאַר א. לוצקי איז די וועלט אַן עקזיסטענץ. אין דעםווירוואַר פון וועלט־אַקטיוויטעט איז נישטאָ קיין צייט צו פרעגן. אפשר נעגירט ער דאָס פרעגן. אפשר באַליידיקט אים גאָר דאָס פרעגן. ווייל די וואָס פרעגן, טוען אַ זינד צו דער שטונדע, צו דער רגע, פרעגן איז — פּעסימיזם. איז דורכפאַל. איז נאָכטראַכטונג און רעפלעקציע וואָס פירט צו מעלאַנכאָליע. די וואָס פרעגן, האָבן פיינט דאָס לעבן. גאָט פרעגט נישט. אַזוי טאָר דער פּאָעט נישט פרעגן. פרעגן איז — טויט. די וועלט האָט אַזוי לאַנג געפרעגט. די דייטשע פילאָזאָפן האָבן שפּעקולאַטיוו אַזוי לאַנג געפרעגט, ביז זיי זיינען דערגאַנגען צו דער גרויזאַמער נעגאַציע פון לעבן, צום אויסשעכטן דאָס לעבן. אפשר איז גאָר שעדלעך די פילאָזאָפיע. הכלל, א. לוצקי איז דער אמתער פּראַגמאַטיסט, וואָס דאָס לעצטע איז אויך אַ מין באַליידיקונג צו לוצקי. פאַר לוצקין עקזיסטירט די וועלט אין איר אומגעהויער. אַן אַמעריקאַנער פּאָעט, וואָלט וויטמאַן, האָט אויך נישט געפרעגט, נאָר פעסטגעשטעלט. די גרויסע הימנען צום לעבן זיינען אַ פעסטשטעלונג פון לעבן. פאַר א. לוצקי איז פאַראַן איין גרויסע וועלט און אַלץ איז וועלט.

„וועלט!
אַלע מינים, אַלע זאַכן אין דיין וועלט — איז וועלט.
דער שווערער טויבער שטיין — איז וועלט.
די גלאַטע לערע שויב — איז וועלט.
די דומע, פרומע קו — איז וועלט.
אַ שטויב איז גאַלע וועלט.
וואַסער איז אַוודאי וועלט.
אַלע ביימער, אַלע בערגער, מדבר'ס, אַלע ווינטן,
אַלע, אַלע אין דיין וועלט — איז וועלט.
זע די אויגן פון אַ חיה — וועלט.
זע דעם אומעט פון אַ חיה — וועלט.
וועלט!
מענטש — איז אויך וועלט?"

די וועלט ביי א. לוצקין „יעדע רגע איז פאַרנומען מיט אַ גרויס פאַרנעמען".

וועלט פעסטשטעלן, מיינט פאַר א. לוצקין וועלט־ליב־האָבן. וועלט־אומאַרמען. וועלט־אומפאַסן. וועלט־דריקן צום האַרצן. וועלט אין זיך געניסן. און דאָס וואונדערלעכסטע געשעעניש איז פאַרט דאָס לעבן. א. לוצקי האָט נישט קיין איין ליד וועגן טויט. אַזוי ווי

מ. ירדני

# „וואָרט און קלאַנג"

## 50 יאָר פילאַדעלפיע אָרקעסטער

מיין ערשטע סטאַנציע אין אַמעריקע, איז געווען פילאַדעלפיע. אין דער דאָזיקער שטאָט, האָב איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזען און געהערט שפילן אַ סימפאָנישן אָרקעסטער — אַן איבערלעבונג, וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אויך האָט זיך אין דער דאָזיקער שטאָט אָנגעהויבן אויספורעמען מיין מוזיקאַלישער טאַלאַנט. מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער וועלטלעכער מוזיק, האָב איך געשלאָסן דורך דער פאַרמיטלונג פונם באַרימטן פילאַדעלפיער סימפאָנישן אָרקעסטער, וועמענס קאָנצערטן איך האָב ניט דורכגעלאָזט פאַר אַ לענגערע צייט, ביז כ'האָב פאַרלאָזן די דאָזיקע שטאָט. איך בין צוערשט אַוועקגעפאָרן קיין אייראָפּע און דערנאָך קיין ארץ־ישראל. ווען איך בין שפּעטער צוריקגעקומען קיין אַמעריקע, איז ניו־יאָרק געוואָרן מיין שטענדיקע היים. פון צייט צו צייט אָבער כאַפּ איך זיך אַרונטער קיין פילאַדעלפיע: אַ קוק טאָן וואָס מיינע עלטערן מאַכן. און אַז כ'קום אַהין, מוז איך אויך באַזוכן מיינע צוויי באַליבטע ערטער: די „אַקאַדעמי אָוו מיוזיק" און דעם „קוירטיס אינסטיטוט"...

זייער ווייניק מענטשן ווייסן, אַז פילאַדעלפיע פאַרמאָגט די בעסטע מוזיק־קאָנסערוואַטאָריע אין אַמעריקע. דאָס איז דער פריער דערמאָנטער „קוירטיס אינסטיטוט", וואו עס לערנען די באַרימטסטע מוזיק־לערערס, די בעסטע מוזיק־פּראָפעסאָרס און מוזיק־פּעדאַגאָגן אין דער וועלט. דער „קוירטיס אינסטיטוט" איז אויך אַן אָרט ניט בלויז פאַר די בעסטע מוזיק־סטודענטן פון אַמעריקע אַליין, נאָר אויך פאַר די בעסטע מוזיק־סטודענטן פון אויסלאַנד, וועלכע לערנען זיך דאָרט אין אַ גאַנץ היפּשער צאָל. דער נאָמען „קוירטיס אינסטיטוט" איז באַוואוסט אין דער גאָרער מוזיקאַלישער וועלט.

אייזלער סאָלאָמאָן, דער באַרימטער אַמעריקאַנער אידישער סימפאָניע־דיריגענט, איז אַ געוועזענער תלמיד פון „קוירטיס אינסטיטוט". אגב, ער איז ניט דער איינציקער באַרימטער מוזיקער איצט מיט אַ וועלט־נאָמען, וואָס האָט זיין קאַריערע אויסגעשמידט אין דער מוזיקאַלישער קוזניע פונ'ם דאָזיקן הויכן מוזיק־אַנשטאַלט. עס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע.

אָבער — ניט דאָס בין איך אויסן.

איך שרייב דאָ איצט ניט די געשיכטע פון דער דאָזיקער באַרימטער מוזיק־אינסטיטוציע, אָדער די לעבנס־געשיכטע פון דעם און יענעם געוועזענעם תלמיד, וועלכער איז איצט וועלט־באַרימט — און אודאי ניט מיין אייגענע לעבנס־געשיכטע, נאָר וועגן דעם פילאַדעלפיער סימפאָנישן אָרקעסטער, וועמעס פופציק־יאָריקער יובילײ עס איז ניט לאַנג געפייערט געוואָרן און איז איינער פון די באַרימטסטע, אויב ניט דער סאַמע באַרימטסטער, ניט בלויז אין אַמעריקע, נאָר אין דער גאָרער וועלט!

יעדנפאַלס אויב אפילו ער איז איצט ניט דער באַרימטסטער, ווי ער איז עס ביז גאָר ניט לאַנג צוריק געווען, איז ער נאָך אַלץ איינער פון די סאַמע אָנגעזעענסטע און פּראָמינענטסטע סימפאָנישע אָרקעסטערס סיי דאָ אין לאַנד און סיי אין אויסלאַנד.

אויב עס איז אויף דער וועלט פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי אַ זיידענער טאָן, האָט עס דער פילאַדעלפיער סימפאָנישער אָרקעסטער באַזעסן — און באַזיצט עס נאָך ביזן היינטיקן טאָג. וואָרום אפילו איצט קען זיך קיין שום סימפאָנישער אָרקעסטער ניט דאָ אין אַמעריקע און ניט אין אויסלאַנד אין דער הינזיכט צו אים ניט צוגלייכן.

ערשט ניט לאַנג צוריק, האָט זיך אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע שטאַרק געטומלט אין פאַרבינדונג מיט דעם פילאַדעלפיער סימפאָנישן אָרקעסטער. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז דער באַרימטער סימפאָנישער אָרקעסטער, זאָל, צוליב מאַנגל אין פאָנדן, ניט בלויז ניט קענען ווייטער פאָרזעצן זיינע גאַסט־קאָנצערטן אין ניו־יאָרקער קאַרנעגי האָל, ווי ער האָט עס געטאָן במשך פון יאָרן, נאָר ס'איז אויך געווען אַ פראַגע, צי ער וועט קענען ווייטער פאָרזעצן זיין מוזיקאַלישע טעטיקייט ביי זיך אינדערהיים, אין זיין אייגענער שטאָט אין פילאַדעלפיע?

די פילאַדעלפיער שטאָט־טאַטעס, צו וועמען די פאַרוואַלטונג פון אָרקעסטער האָט זיך געווענדט נאָך הילף, האָט די הילף אים אָפּגעזאָגט. דעם תירוץ, וואָס די שטאָט־טאַטעס האָבן אָנגעגעבן איז געווען, אַז דער אָרקעסטער איז אַ פּריוואַטע אינסטיטוציע, וואָס דאַרף זיך אַליין אויסהאַלטן, און די שטאָט האָט דערמיט גאָרניט צו טאָן.

עס איז אַ גאַנץ פיינער ענטפער, מיקען ניט לייקענען. אגב, דער דאָזיקער תירוץ איז ניט קיין אויסנאָם פאַר פילאַדעלפיע, ער ווערט פּראַקטיצירט פון די שטאָט־טאַטעס איבער גאַנץ אַמעריקע...

צום גליק, אָבער, געפינען זיך אין אַמעריקע גענוג מענטשן, וועלכע וועלן אַזאַ באַרימטע מוזיקאַלישע אינסטיטוציע, ווי דער פילאַדעלפיער סימפאָנישער אָרקעסטער, קיינמאָל נישט לאָזן אונטערגיין; עס האָט לאַנג ניט גענומען און די זאַך איז געוואָרן דערלײדיקט. אַ שיינעם פּנים וואָלט די שטאָט פילאַדעלפיע געהאַט אָן דעם אָרקעסטער?! אַ שיינעם פּנים וואָלט גאַנץ אַמעריקע געהאַט, ווען דער דאָזיקער באַרימטער אָרקעסטער, וואָלט, צוליב מאַנגל אין פאָנדן, פּלוצלונג אויפגעהערט צו עקזיסטירן! פונם דאָזיקן קלאַפּ, וואָלט ניט בלויז די מוזיקאַלישע אַמעריקע אַליין שטאַרק געליטן, נאָר די גאַנצע מוזיקאַלישע וועלט...

געהאָלפן אַוועקצושטעלן דעם פילאַדעלפיער סימפאָנישן אָרקעסטער אויף דעם העכסטן פּעדעסטאַל פון סימפאָנישע אָרקעסטערס איבער דער גאָרער וועלט, האָט דער געוועזענער לאַנג־יאָריקער דיריגענט זיינער, לעאָפּאָלד סטאָקאָווסקי, וועלכער איז איינער פון די געציילטסטע דיריגענטן־ווירטואָזן אין דער וועלט. ביי מיר איז ער נאָך אַלץ דער גרעסטער דיריגענט! און דאָס ניט בלויז דערפאַר, ווייל ער איז געווען דער ערשטער, וועמען איך האָב אין מיין לעבן געזען דיריגירן אַ סימפאָנישן אָרקעסטער, נאָר ווייל קיינער, האָט נאָך ביז היינט ביי מיר ניט אַרויסגערופן אָט־די געפילן, וואָס עס רופט ביי מיר שטענדיק אַרויס אַ קאָנצערט דיריגירט פון סטאָקאָווסקין!

עס איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף סטאָקאָווסקיס הענט בעת ער האַלט אין דיריגירן, צו קענען פילן דעם „תמצית" פון דער קאָמפּאָזיציע, וואָס אַן אָרקעסטער זינגט אויס אונטער זיין אָנפירערשאַפט. איר דאַרפט ניט אַריינקוקן צו אים אין פּנים, כדי צו פילן די פאַר־

---

טויט באַפאַלט, איז שוין אַרויסגעפאַלן פון דער וועלט. ווען מיר זאָגן וועלט — מיינען מיר אַלץ וואָס לעבט. וואָס באַוועגט זיך. וואָס רוישט און טומלט און לאַרמט און שפּילט און זינגט און ווערט צו ליד און צו מעלאָדיע. דאָס לעבן — דאָס טייערסטע. —

„איך וויל לעבן.
ס'ע גייט מיר פּשוט אין לעבן — צו לעבן.
איך וויל אַזוי שטאַרק לעבן —
אַז סע גייט מיר אוים דאָס חיות,
אַזוי וויל איך לעבן.
דאָס לעצטע העמד אַוועקצוגעבן —
אַבי צו לעבן.
דאָ איז פריידן און דאָרטן טרויער,
דאָ גערויש און דאָרטן שוויגן,
אומעטום פאַרטרויעט מיר דאָס לעבן:
דו מוזסט לעבן!
איך באַשווער דיך מיט די גרעסטע שבועות:
דו זאָלסט לעבן.
איך גיב אויף דיר אַ נדר:
לעבן
האָסט ניט גאָר קיין אַנונג —
זאָגט צו מיר דאָס לעבן,
ווי גוט ס'איז צו לעבן."

**(המשך קומט)**

קלערטקייט און די פאַרטיפונג, ווי ווייט זי גרייכט, און דעם אינספּירנדיקן כוח, וואָס שטראַלט פון אים אַרויס, און די קוועלנדיקייט, וואָס גייט אין אים אָן, בעת ער שטייט אויפן פּאָדיום און דיריגירט. אָבער ווען איר האָט יאָ די געלעגנהייט צו קוקן אים אין פּנים אַריין, צו זען וואָס ביי אים אויפן פּנים טוט זיך, דעמאָלט כאַפּט אייך אַרום ניט אַנדערש ווי אַ הייליקער געפיל, ווי איר וואָלט געזען פאַר זיך דעם פּנים פון אַ „כהן־גדול“...

אַגב, איז אַ סברא, אַז לעאָפּאָלד סטאָקאָווסקי איז אַ איד. אויף וואָס די דאָזיקע סברא איז באַזירט, קען איך אייך ניט זאָגן. אין דער אַלגעמיינער אידישער ענציקלאָפּעדיע רעדט זיך דאָרט וועגן דעם, ווי דאָס וואָלט געווען אַ גאַנץ זיכערע זאַך. אָבער דאָס איז נאָך ניט קיין באַווייז, אַז עס איז שוין אַזוי. וואָרעם מאַלע וואָס מ׳זאָגט דאָרט אין דער אידישער ענציקלאָפּעדיע — אין שייכות מיט מוזיק און מוזיקער...

אויף ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, איז דאָס איינציקע וואָס מאַכט מיך אַ האָרעלע צו גלויבן אין דער אַרויסגעזאָגטער „סברא“, איז אפשר דאָס, וואָס איך ווייס פון זיכערע קוועלן, אַז יעדעס מאָל וואָס מ׳רעדט וועגן דעם מיט סטאָקאָווסקין, איז שווער אַרויסצוקריגן פון אים אַ באַשטימטן ענטפער: יאָ — צי ניין? און דאָס דערמאָנט מיך אָן דעם באַרימטן פילם־שטערן, טשאַרלי טשאַפּלין!

ווי באַוואוסט, האָט טשאַרלי טשאַפּלינס ברודער, סידני טשאַפּלין, וועלכער איז אויך אַ באַוואוסטער מואווי־אַקטיאָר, געהאַט איינמאָל דערקלערט, אַז ער איז אַ איד, אָבער מיט טשאַרלין קענט איר פאַר קיין פאַל צו קיין טאָלק ניט דערגיין וועגן דעם. ווען מ׳פרעגט אים צי ער איז אַ איד, שווייגט ער מיט זיין כאַראַקטעריסטישן שווייגן, וואָס מ׳זעט ביי אים אויפן לייוונט...

איך זאָג אויפן לייוונט, ווייל אין לעבן, ווייס איך, רעדט טשאַרלי טשאַפּלין גראָד זייער פיל און לאָזט קיינעם נישט קומען צום „פּסוק“. ווען עס האַנדלט זיך אָבער וועגן אָט־דער פראַגע, איז כאָטש האַקט אים און בראָקט אים, נעמט ער פלוצלונג אָן אַ מויל מיט שווייגעניש און איר קענט קיין וואָרט ניט אַרויסקריגן פון אים פאַר קיין געלט אין דער וועלט. אויך ער, פונקט ווי סטאָקאָווסקי, זאָגט נישט — יאָ, און זאָגט נישט — ניין... אָבער איך בין זיך מודה, אַז סיי סטאָקאָווסקי און סיי טשאַפּלין, גייען מיך ניט אָן ווי אידן, נאָר ווי קינסטלער און — מענטשן. ביידע זיינען באַוואוסט פאַר זייערע ליבעראַלע אידייעס און פאַר מענטשן מיט פּראָגרעסיווע מיינונגען און געדאַנקען.. הגם זיי מישן זיך ניט דירעקט אין קיין פּאָליטיק, ווייסט מען אָבער, אַז זייערע סימפּאַטיעס געהערן אַבסאָלוט אויף דער זייט פון די דעמאָקראַטישע און ליבעראַלע רעגירונגען איבער גאָר דער וועלט.

איך קער מיך אום צו פילאַדעלפיער סימפאָנישן אָרקעסטער.

עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז נאָכדעם ווי סטאָקאָווסקי האָט פאַרלאָזן דעם פילאַדעלפיער סימפּאָנישן אָרקעסטער און ער האָט אָנגעהויבן איבערצוגיין פון איין דיריגענט צום צווייטן, האָט דער באַרימטער אָרקעסטער דערפון שטאַרק געליטן. דער פּרעסטיזש פון אָרקעסטער איז דורך דעם שטאַרק אַרונטערגעפאַלן און איז אַרונטער פון זיין גלאַנץ. עס האָט זיך אַבסאָלוט געביטן דער פּנים זיינער. אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם גרויסן אומבייט. עס האָט זיך באַוויזן אַ געוויסע „בלאַסקייט“ אויף זיין „פּנים“. דער קאָליר פון דער „הויט“ איז ניט געווען מער דער זעלביקער...

דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי, ביז עס איז געקומען דער איצטיקער באַרימטער אונגאַריש־אידישער דיריגענט יודזשין אָרמאַנדי, וועלכער האָט דעם אָרקעסטער אַריינגענומען אין זיינע הענט און ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צוריקקריגן זיין אַמאָליקן גלאַנץ. דער פילאַדעלפיער סימפּאָנישער אָרקעסטער האָט אויפסניי אויפגעשיינט און גענומען צוריק אויסזינגען זיין זיידענעם טאָן. אָבער די פרישקייט און דעם קאָליר פון דער פריערדיקער „מיידלשער הויט“ זיינער, וועט ער שוין קיינמאָל מער ניט צוריקקריגן. דאָס, זעט אויס, איז פאַרלאָרן געגאַנגען אויף אייביק...

דאָך — דער פילאַדעלפיער סימפּאָנישער אָרקעסטער, איז נאָך אַלץ איינער פון די סאַמע דריי אָנגעזעענסטע און פּראָמינענטסטע סימפּאָנישע אָרקעסטערס אין לאַנד. דאָס צוריקברענגען אים צו זיין שיעור־ניט אַמאָליקער הויכער שטופע, געהערט אַבסאָלוט דעם אויסשליסלעך פאַרדינסט פון זיין איצטיקן דיריגענט יודזשין אָרמאַנדי, וועמעס מוזיקאַלישער כוח און איינפלוס עס לאָזט זיך שטאַרק פילן אינם בריליאַנטענעם שפּילן פונם וואונדערלעכן אָרקעסטער, וואָס דערמאָנט אָפּט אָן די גאָלדענע קאָנצערטן — בימי סטאָקאָווסקי!

איך האָף, אַז יודזשין אָרמאַנדי, וועט אויף מיר נישט זיין ברוגז פאַר דעם, וואָס איך האָב דאָ געזאָגט. איך ווייס גאַנץ וואויל, אַז ס׳איז נישטאָ קיין סך יודזשין אָרמאַנדיס, אָבער נאָך פיל ווייניקער זיינען פאַראַן לעאָפּאָלד סטאָקאָווסקיס!

---

שלמה גרינשפּאַן

# אַרום דעם שאַפן אין אידיש

אַ דיסקוסיע אַרום דעם מצב פון אידישן ביכער־מאַרק איז אַ געזונטע דערשיינונג און וואָס פריער עס וועט געטאָן ווערן אין דער ריכטונג — אַלץ בעסער.

די פאַרשפּרייטונג פון אידישן בוך איז היינט מער פאַרבונדן מיט קונצנמאַכעריי ווי ביכער־אָפּזאָץ צום לייענער.

און עס איז דאָ דער לעזער פאַר אַ בעסער אידיש בוך.

מיטן כוח פון פּראָפּאַגאַנדע און צוגענגלעכן פּרייז, קען מען צוריק און אין ווייניקער ווי דורכשניטלעכע ביכער.

דאָס גוטע בוך דאַרף אַרויסגעהויבן ווערן פון שלל דורכשניטלעכע אין ווייניקער ווי דורכשניטלעכע ביכער.

די הילף פון דער פּרעסע איז פון ערשטער באַדייטונג ביים אָרגאַניזירן אַ ביכער־פאַרקויף. די פּרעסע מוז מותר זיין אַ צייט אויף פּראָפּיטן און העלפן אַנאָנסירן דאָס אידישע בוך. עס וואָלט דאַן פאַרשפּרייט געוואָרן אין טויזנטער.

ווערק ווי די אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אין אידיש פון דובנאָוו־פאָנד, דאַרף ווערן אַ האַנטבוך פאַר מאַסן, דורך ווי ווייט מעגלעך פאַרביליגערן דעם פּרייז און דורך אָרגאַניזירטער פאַרשפּרייטונג.

פאַרוואָס ווערן נישט ביכער־סעריעס פאַרקויפט דורך צייטלעכע אויסצאָלונגען ווי עס טוען נישט־אידישע פאַרלאַגן?

אַ געזונטער אידישער ביכער־מאַרק וואָלט באַדייט פאַרוואָרצלטע אידישע ליטעראַטור, — אַ פאַרבינדונג פונם קינסטלער מיטן פאָלק. סימנים פון אַ פולסירנד אידיש קולטור־לעבן.

דער איצטיקער אומנאָרמאַלער צושטאַנד אויפן אידישן ביכער־מאַרק ווייזן סימנים פון שוואַכע פעדים צווישן אידישן וואָרט־שאַפער און דער מאַסע וועלכע לעבט זיך אויס אין אידיש, שפּראַכלעך און גייסטיק.

עס פעלט דער אינטערעס פון אידיש־לייענער צום אידישן בוך, ווייל עס פעלן אין אידיש ביכער פון לעבעדיקן אינטערעס און אַקטואַליטעט וואָס זאָלן צוציען דעם אידישן לייענער.

אָן ספק איז דאָס פעלן פון פעאיקער אָרגאַניזאַציע פון אידישן בוך־פאַרקויף אויך אַ גורם צום נעבעכדיקן מצב פון אידישן בוך.

פאַרן קריג איז די אידישע ליטעראַטור רייך געווען מיט איבערזעצונגען פון בעסערע ווערק.

לכל־הפּחות דערשיינען נישט אין בוך־פאָרם אַזעלכע ביכער פון אינטערעס פאַר אונז ווי די ביאָגראַפיע פון ווייצמאַן, די ביכער פון באַרטלי קראַם און וואַן־פּאַסען און ענלעכע וועלכע זיינען דערשינען. ס׳איז נישט גענוג וואָס אַ טייל ווערק פון דעם כאַראַקטער דערשיינען אין דער פּרעסע אין המשכים.

מיר האָבן אויך כמעט ווי גאָרנישט קיין איבערזעצונגען פון דעם איצטיקן שאַפן אין העברעאיש אין ישראל, אויסער קורצע זאַכן אין זשורנאַלן.

עס דערשיינען פיל ביכער אין אידיש, דער גרעסטער טייל פון זיי רופן אָבער ניט אַרויס דעם אינטערעס פון אידישן לייענער.

די אידישע יוגנט אין די אידיש־וועלטלעכע שולן, זייער אומגאַנגס־שפּראַך איז ענגליש, טייל קוקן אַריין אפשר אין אַ אידיש בוך, — אָבער נאָר דאָס בוך אין ענגליש גיט זיי באַפרידיקונג.

די אידישע יוגנט פון די ישיבות און תלמוד־תורהס, זייער שפּראַך אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז נאָך בפירושער ענגליש, ווייל דער טראָפּ

אויף לערנען אין די רעליגיעזע אַנשטאַלטן איז נישט שפּראַך נאָר רע־ליגיעזע דערציאונג.

די אידישע יוגנט איז ניט קיין פּאָטענציאָנעלער עלעמענט וועל־כער וועט ממשיך זיין קולטור אין אידיש. דעם דאָזיקן אמת דאַרף מען נישט פאַרבייגיין.

אין ליכט פון דער דאָזיקער ווירקלעכקייט מוזן מיר אָפּשאַצן די צוקונפט פון אידישן בוך.

דער לעזער־עלעמענט פאַר אידיש איז דער אַלטער דור און די אידן — עלטערע און אינגערע — וועלכע האָבן זייער אידיש לשון איינ־געזאַפּט אויף יענער זייט ים.

עס מאַכט אָפּט דעם איינדרוק אַז אַ בוך אין אידיש ווערט גע־שריבן נאָר כדי די קריטיק זאָל זיך אָפּרופן.

די ליטעראַטור־קריטיק איז ביי אונז נישט ווי אַ וועג־ווייזער פאַר דעם בוך־לייענער, אַ טיפערער אָפּשאַצער פון דער קונסט פון וואָרט, נאָר ווי עפּעס אַן אינסטיטוציע אַן און פאַר זיך, וואָס נישט דאָס ווערק איז דער עיקר, — נאָר די קריטיק די געגעבענע. די קרי־טיק פאַרגעסט אָפּט די גרענעצן פון איר באַרוף. אָפּט איז די קריטיק ווייט פון אויפריכטיקן אמת.

טייל שרייבער פילן זיך לעצטנס אַזוי „אידיש־האָפּערדיק" אַז זיי פּרואוון אַ קאַמף פאַר פאַרשפּרייטן אידיש אין ישראל. מיינען זיי טאַקע, אַז אידיש וואָרצלט שוין אַזוי פעסט אויף זייער אייגענעם באָדן אין אַמעריקע, — אַז אַלץ וואָס בלייבט איז עקספּאַנסיע פאַר אידיש אין ישראל?

וואָס מ'דאַרף איז זייען דעם באָדן אַרום זיך און אויפן גרונט פון אַרומיקער ווירקלעכקייט טאָן דאָס בעסט מעגלעכע.

מיר מעגן לערנען פון דער ישראל ווירקלעכקייט אַז חלוצישע עקשנות אויף יעדן געביט, גיט פּרוכטן.

אויך אויפן געביט פון אידישן ביכער־מאַרק, דאַרף אידיש האָבן חלוצישע עקשנות, וועלכע זאָל אויסמיידן די באַוויינער און שוואַרץ־זעער וועלכע דענקען אַז אידיש גייט אַראָפּ פון דער סצענע. אויך דאַרף מען אויסמיידן די סופער־העלזעער וואָס חלומען פון אַ ליכטיקער וועלט פאַר אידיש און זעען אַ „אידיש וואָס וועט אויפרייסן דעם או־ניווערס".

עס זיינען דאָ אויפן היגן באָדן מאַסן וואָס אידיש איז זייער שפּראַך און קולטור־אינטערעס און אַ צווייטע שפּראַך קען עס נישט פאַרטרעטן. אַן עלעמענט וועלכער וואָלט געקענט פּאָזיטיוו באַווירקן די דערהויבונג פון אידישן בוך, זיינען די גרעסערע צאָל פּליטים וועלכע קומען קיין אַמעריקע, גרויסע צאָלן פון זיי זיינען טיילן פון אידישן קולטור־לעבן אין אַמאָליקן פּוילן. פאַרזען דעם עלעמענט און נישט אויסנוצן זיין פּאָזיטיוון ווערט פאַר אידיש, מיינט לאָזן פאַרלירן גיין אַ געווינס פאַר אידיש וועלכער וועט זיך מער ניט איבערחזרן.

***

דער גייסטיקער נערוו ביי די אידישע מאַסן איז היינט ישראל, די מדינה.

וואו איז די ליטעראַטור אין אידיש וואָס זאָל אָפּשפּיגלען דעם געראַנגל פאַר גאולה? וואו איז דאָס אידישע בוך וואָס זאָל שאַפן דעם בונד צווישן דעם אידישן בוך־לייענער און ישראל? ווערק אין דער ריכטונג איז דאָ צו ציילן אויף די פינגער.

מיר דאַרפן ניט מינימיזירן די גרויסע ראָל פון דער אידישער פּרעסע אין דעם באַפרייאונגס־קריג. אָבער די ליטעראַטור האָט אַ באַזונדערע ראָל.

מיט אַ צייט צוריק איז אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע ווי אַזוי ס'האָט זיך אָפּגערופן די אידישע פּאָעזיע אויף דער דערשיינונג פון מדינת־ישראל. די געשוואוירענע אָפּטימיסטן האָבן אויסגערעכנט מיט שטאָלץ אַז כמה וכמה לידער זיינען געשאַפן געוואָרן אויף דער טעמע ישראל. אין סך־הכל פיר אָדער פינף לידער (אַריינגערעכנט צוויי לידער פון רעדאַקטאָר יצחק ליבמאַן). און דאָס איז דער ביישטייער פון דער אידישער פּאָעזיע?!

די אידישע ליטעראַטור איז נישט מיטגעגאַנגען מיטן גאולה־שטראָם פון אַ פאָלק.

די אידישע ליטעראַטור האָט נישט דערפילט איר פליכט צו

~ אויף דער שוועל ~

## אַ בוך לידער פון ש. סימכאָוויטש

אין מאָנטרעאָל איז דערשינען אַ בוך לידער א. נ. „אַזוי איז אַ יוגנט פאַרגאַנגען" פון דעם יונגן דיכטער ש. סימכאָוויטש.

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ קאָמיטעט פון שרייבער אין מאָנטרעאָל. עס האָט 80 זייטן, מיט צייכענונגען פון קינסטלער ב. מלחי. דער פּרייז פון בוך איז 1.50 דאָלאַר. מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן אויפן אַדרעס פון מחבר:

S. Symchowicz, 5176 St. Urbain, Montreal, Canada

---

## זונטאָג־קורסן פון אידישן לערער סעמינאַר

רעגיסטראַציע קאָן אויפגענומען ווערן אין אידישן לערער סעמינאַר יעדן טאָג, אין וואַשינגטאָן אירווינג היי־סקול, און יעדן זונטיק, פון 10:30 ביז 1:30 נ. מ.

---

## צוויי וועלט־ביכער בחצי חנם

צוליב דעם וואָס ס'איז אַריין אין דרוק דר. א. אייסענ'ס נייע איבער־זעצונג פון זשאָן מילטאָנ'ס „שמשון הגבור", ווערן די לעצטע עקזעמפּליאַרן פון ווּם. שעקספּיר'ס „סאָנעטן" און „קעניג ליר" אויספאַרקויפט כמעט פאַר האַלב די פּרייז.

„קעניג ליר" איז אַ בוך פון 188 זייטן, געדרוקט אויף גוטע פּאַפּיר און שיין געבונדן. די שער־בלאַט איז אילוסטרירט פון אונזער נאַציאָנאַלן מאָלער שאול ראַסקין.

אין דעם צווייטן בוך, „די סאָנעטן", האָט שעקספּיר דערגרייכט אַ זעל-

די אידיש־רעדנדיקע מאַסן.

מען מוז פעסטשטעלן אַז אַ גרויסן מאָנומענט האָט די אידישע ליטעראַטור אויפגעשטעלט אויפן חורבן פון פאַרשוואונדענעם פּוילישן אידנטום.

אידיש האָט געלעבט מיטן אומגעקומענעם אין מיידאַנעק און די אידישע שפּראַך ווייטיקט טאַקע אָממייסטן אויפן חורבן פון פאָלק אין אידיש.

די אידישע שרייבער וואָס פאַרכלינען זיך מיט אהבת־ישראל, ביי זיי איז דווקא שטאַרק דער אהבת־גלות, דאָס אַלטע, דאָס נעכטיקע.

די אמתע אוהבי־ישראל אין אונזערע צייטן האָבן דווקא געמאַכט אַ ריס אין דעם באַגריף פון מסירת־אָבות, זיי זיינען ווייט פון בודק זיין ציצית און כשרות ביי אידן. זיי האָבן אונז געגעבן אַ נייעם באַגריף פון אידישקייט: אידן ווי אַ נאָרמאַל פאָלק.

אונזער ליטעראַטור דאַרף דעם דאָזיקן פאַקט אויך „אַנטדעקן" און די דאָזיקע רעוואָלוציע אין אידישן לעבן אויך מיטמאַכן. דאַרף אידיש אונז געבן אין דער ליטעראַטור נאָר דאָס נעכטיקע?

מיר האָבן געהאַט און האָבן אַ סך גלות־שפּראַכן. אידיש איז פון זיי אַלע געווען די סאַמע שעפערישסטע.

דער דור חלוצים וועלכער האָט רעאַליזירט דעם חלום פון אַ פאָלק, האָט זיין חלוצישע דערציאונג אין גלות באַקומען אין אידיש, — כאָטש זיין קולטור־ציל איז געווען העברעאיש.

העברעאיש איז געוואָרן די שפּראַך אין ישראל, נישט דורך פאַ־נאַטיקער, נאָר פון רעאַליסטן וועלכע האָבן קיינמאָל נישט נעגירט די באַדייטונג פון אידיש אין גלות.

דערהויבן אידיש אַלס קולטור־אינסטרומענט פון מאַסן, מיינט נישט בלויז גוטע אָדער שיינע ליטעראַטור אין אידיש, — נאָר אויך פלעגן אַ ריינע שפּראַך פאַרן יחיד און פאַרן כלל אין וואָרט און שריפט.

אידיש אַלט שפּראַך איז נישט ביי אונז קיין פעטיש, נאָר אַ קולטור־מכשיר און ווי אַ פאַקט אין לעבן.

אַ ביסל זעלבסט־קריטיק איז נויטיק, — געזונטע קריטיק וואָס זאָל אויסן זיין דאָס בעסערע און העכערע.

זעלבסט־צופרידנקייט איז זעלבסט־אָפּנאַרעריי.

די נויטן פון דער שעה האָבן אונז געגעבן די קעמפער אין ישראל.

אונזער קולטור־קריזיס, — וועט ער אַרויסהויבן חלוצים צום פראָנט פון אידישער קולטור?

ד״ר ב. דניאל

# דער אמת וועגן גרינדער פון קריסטנטום

(אַן ענטפער אויף שלום אַשס קריסטלעכן בוך „דער אַפּאָסטאָל״)

## פּאָולוס פּאַבריצירט אַ נייע געשיכטע

(המשך פון לעצטן נומער)

און דאָס האָט פּאַסירט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער ווי ער האָט זיך באַקערט צום גלויבן אין ישוע׳ס לערע, און, לויט זיין נייעם נוסח, אַ סך יאָרן נאָכדעם ווי ער איז באַאויפטראַגט געוואָרן צו זיין אַ שליח צו די געצנדינער.

אין זיין אַנגסט צו איבערצייגן די גאַלאַטער אַז זיי טאָרן ניט אים פאַרבייטן אויף אַן אַנדערן, האָט פּאָולוס זיך דערלויבט צו פּאַבריצירן נייע געשיכטעס מיט אַ סך נייע באַפּוצונגען.

„יענע אויטאָריטעטן (די פירער פון די נוצרים) האָבן אונז ניט געמאַכט קיינע שוועריקייטן״, — האָט ער פאָרטגעזעצט. (159) „ווען זיי האָבן געזען אַז איך בין אָנפאַרטרויט געוואָרן מיט דער מיסיע צו פריידיקן צו די ניט־גע׳מל׳טע, אַזוי ווי שמעון פּעטרוס איז אָנפאַרטרויט געוואָרן מט דער מיסיע צו די גע׳מליטע, וואָרום דער וואָס האָט געווירקט אין פּעטרוסן צו דער שליחות פון די געמלטע האָט אויך געווירקט אין מיר צו די געצנדינער. יעקב (דזשיימס) כיפא (פּעטרוס) און יוחנן, וואָס זיינען געווען פאַררעכנט אַלס די זיילן פון דער נוצרים באַוועגונג, האָבן מיר און בר־נבאָן געגעבן די רעכטע האַנט פון פריינטשאַפט, כדי מיר זאָלן גיין צו די געצנדינער און זיי — צו די געמל׳טע.״

שאול (פּאולוס) האָט אויך אין דעם פאַל „פּאַבריצירט״. ישוע האָט דייטלעך אָנגעזאָגט, אַז זיינע שלוחים זאָלן ניט גיין פּראָפּאַגאַנדירן צו די געצנדינער. (162) ער האָט דעריבער ניט געקאָנט האָבן אַ מאַנדאַט צו גיין צו די געצנדינער, און וואָס אָנבאַלאַנגט די מיסיע צו די אידן איז עס ניט אָנפאַרטרויט געוואָרן נאָר צו שמעון־פּעטרוסן, נאָר צו אַלע שלוחים.

מען קאָן אויך פרעגן: אויב עס איז אמת, אַז פּאָולוס האָט באַלד אין אָנהייב, ווי ער זאָגט, געקראָגן אַ מיסיע צו פּראָפּאַגאַנדירן צו די געצנדינער, און אַז גאָט האָט אים באַשטימט צו דער אַרבעט נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן, פאַרוואָס האָט ער אַזוי לאַנג און מיט אַזאַ עקשנות געזוכט צו באַקערן אידן? און, אויב זיין מיסיע איז געווען נאָר צו געצנדינער, וואָס פאַר אַ זין האָט עס געהאַט צו ברענגען פאַר זיי ציטאַטן פון דער תורה, וואָס זיי אָנערקענען ניט, און וואָס האָט קיין שייכות ניט צו זיי?

עס ווייזט אויס, אַז שאול (פּאָולוס) איז געווען וויליק צו לאָזן די פּראָפּאַגאַנדע צווישן אידן פאַר שמעון־פּעטרוס, ווייל ער, פּאָולוס, האָט סיי ווי ניט געהאַט קיין איינפלוס אויף אידן. אָבער דערפאַר האָט ער פאַרלאַנגט אַז די אַנדערע אַפּאָסטאָלן (שלוחים) זאָלן זיך ניט מישן אין זיין פּראָפּאַגאַנדע צווישן די ניט־אידן. און ער האָט ביטער באַקעמפט יענע, וועלכע האָבן געזוכט אונטערצוגראָבן זיין איינפלוס צווישן זיינע גויאישע אָנהענגער. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אפילו פון באַליידיקן שמעון־פּעטרוס (וועלכער האָט זיך דאַן גערעכנט פאַרן הויפּט־אַפּאָסטל), און יעקב דזשיימס, ישוע הנוצריי׳ס ברודער. ער האָט עס אָפן צוגעגעבן אין זיין בריוו צו די גאַלאַטער. (163)

„ווען כיפאַ (פּעטרוס) איז געקומען קיין אַנטיוכיע האָב איך זיך עפנטלעך אים אַנטקעגנגעשטעלט, דערפאַר וואָס ער האָט פאַרדינט געטאַדלט צו ווערן. וואָרום איידער עס זיינען געקומען פאַרטרעטער פון יעקבן (דזשיימס) פלעגט ער, פּעטרוס, עסן מיט די געצנדינער. אָבער ווען יעקב׳ס אָנהענגער (אידישע נוצרים) זיינען געקומען, האָט ער זיך צוריקגעצויגן און זיך אָפּגעזונדערט פון די געצנדינער, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די געמל׳טע (אידישע נוצרים). אויך די אַנדערע אידן, און אַפילו בר־נבאָ, האָבן זיך אָפּגעשיידט פון די געצנדינער. ווען איך האָב געזען אַז זיי גייען ניט אויפריכטיק, לויט דעם אמת פון גאָספּעל (בשורה), האָב איך געזאָגט צו כיפאַנען (פּעטרוס) פאַר אַלעמען אין די אויגן: אויב דו, וואָס דו ביזסט אַ איד, לעבסט און פירסט זיך אויף ווי אַ געצנדינער, און ניט ווי די אידן, ווי אַזוי צווינגסטו די געצנדינער צו לעבן און זיך אויפפירן אַזוי ווי אידן?״

עס ווייזט אויס, אַז יעקב (דזשיימס), ישוע׳ס ברודער, האָט זיך געהאַלטן אָן זיין ברודער׳ס אָנזאָג אַז די נוצרים זאָלן אָפּהיטן תורת משה. שמעון (פּעטרוס) האָט אָפּטמאָל אונטערגעזינדיקט, ווייל ער האָט באַטראַכט דאָס אָפּהיטן אַלע דינים ווי אַ צו שווערן יאָך. (164) דערפאַר האָט ער זיך דערלויבט, פון צייט צו צייט, עסן מיט געצנדינער ניט קיין כשר פלייש (165), אָבער אין דער אָנוועזנהייט פון אידישע נוצרים האָט ער דאָס ניט געוואָלט טאָן. דערפאַר האָט ער און די אַנדערע אידישע נוצרים זיך אָנטזאָגט צו עסן ביי איין טיש מיט פּאָולס געצנדינערישע אָנהענגער.

דאָס האָט אַזוי שטאַרק אויפגערעגט פּאָולוסן, אַז ער האָט עפנטלעך באַשולדיקט פּעטרוסן און די אַנדערע אידישע אַפּאָסטאָלן, אַז זיי זיינען פייגלינגע. זיי האָבן מורא פאַר די אידן, אָדער זיי זוכן זיך חנפנען צו די אידן. (166) „זיי אַליין, די געמליטע, היטן ניט אָפּ די תורה״, האָט ער געשריבן צו די גאַלאַטער, „נאָר זיי ווילן אַז איר זאָלט זיך לאָזן מל זיין, כדי זיי זאָלן זיך גרויסן אין אייער פלייש, און כדי זיי זאָלן ניט פאַרפאָלגט ווערן.״

זיין באַשולדיקונג, אַז די אידישע אַפּאָסטאָלן ווילן מל זיין די ערלים, ווייל זיי זוכן צו געפעלן די אידן, איז אַ היפּאָקריטישע. פּשוט דערפאַר, וואָס ער אַליין, פּאָולוס האָט, מיט אַ צייט פריער, מל געווען זיין גריכישן תלמיד, טימאָטעאוסן, און „ער האָט עס געטאָן צוליב די אידן אין יענע מקומות, ווייל זיי האָבן אַלע געוואוסט, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ גריך״. (167).

כדי אָפּצושרעקן זיינע גויישע אָנהענגער, זיי זאָלן זיך ניט לאָזן איבעררעדן פון די אידישע נוצרים וועגן אָפּהיטן תורת משה, האָט פּאָולוס דערקלערט (168): „די וואָס געהערן צו די מעשים פון דער תורה (היטן אָפּ די דינים פון דער תורה) זיינען אונטער אַ קללה. וואָרום עס שטייט געשריבן: פאַרשאָלטן איז יעדער איינער וואָס באַשטייט ניט אין אַלצדינג וואָס איז געשריבן אין דעם ספר פון דער תורה צו טאָן עס.״

די וואָס ווילן לעבן אונטער דער תורה זיינען דארום פאַרשאָלטן. „אָבער״, זאָגט פּאולוס, „ישוע (יעזוס) האָט אונז אויסגעלייזט פון דער קללה פון דער תורה דערמיט וואָס ער האָט איבערגענומען די קללה אויף זיך. וואָרום עס שטייט געשריבן: „פאַרשאָלטן איז יעדער וואָס הענגט אויף אַ בוים״. דערפאַר, זאָגט ער, איז עס ניט נאָר נוצלאָז, נאָר דירעקט שעדלעך אָפּצוהיטן תורת משה. אמונה (אין ישוע הנוצרי) איז דער איינציקער וועג אויף וועלכן צו געווינען אייביק לעבן און גערעכטפערטיקייט אין די אויגן פון גאָט.

און אויב זיינע אָנהענגער זאָלן וועלן פאָלגן די אידישע נוצרים, צו האָבן אמונה אין ישוע הנוצרי און גלייכצייטיק אָפּהיטן תורת משה,

(162) גאָספּעל (בשורה) פון מתי, קאַפּיטל 10, פּאַר. 6, 5.

(163) פּאולוס בריוו צו די גאַלאַטער, קאַפּיטל 2, פּאַר. 14—11.
(164) מעשים פון די שלוחים, קאַפּיטל 15, פּאַר. 10.
(165) מעשים פון די שלוחים, קאַפּיטל 11, פּאַר. 3.
(166) פּאָולוס בריוו צו די גאַלאַטער, קאַפּיטל 6, פּאַר. 12.
(167) מעשים פון די שלוחים, קאַפּיטל 16, פּאַר. 3.
(168) פּאָולוס בריוו צו די גאַלאַטער, קאַפּיטל 3, פּאַר. 13—10.

מענע קאָמבינאַציע פון צאַרטקייט און האַרמאָניע אין דעם אויסדרוק פון לײדן, אומעט, צער און רעזיגנאַציע...
די „סאָנעטן״ זיינען 176 זייטן די גרויס, און אַנטהאַלטן פאַרטייטשונגען אויף יעדער זייט אונטער יעדן סאָנעט, וואָס גיבן איבער דעם תוך, דעם אינהאַלט און הויפּט־געדאַנק פון יעדן ליד.
די ביידע ביכער בלויז 3 דאָלאַר, — איין בוך 2 דאָלאַר, פּאָסטפּייד.
צובאַקומען דירעקט פון: DR. A. ASEN
אויף זיין נייעם אָפיס אַדרעס:
31 Union Square West, New York     Tel. AL 5–0770

האָט פּאָולוס, ווי שוין פריער דערציילט, געוואָרנט זיינע נאָכפאָל־גער (169), אַז אויב זיי וועלן דאָס טאָן, וועלן זיי פאַרלירן חן און חסד אין גאָט׳ס אויגן. „האַלט זיך פעסט אָן דער פרייהייט, מיט וועלכער ישוע האָט אייך געמאַכט פריי, און לאָזט זיך ניט פאַרנאַרן אונטער דעם יאָך פון תורה־שקלאַפעריי״, האָט ער זיי געבעטן.

די קללות מיט וועלכע פּאָולוס האָט געסטראַשעט זיינע גוישע אָנהענגער אויב זיי זאָלן וועלן זיין אונטער דער תורה, זיינען אַ גוטער ביישפּיל פון זיין קונסט און פעאיקייט, אַריינצוטייטשן אין געפעלשטע ציטאַטן מיינונגען וואָס די אָריגינעלע פסוקים האָבן ניט געהאַט. די ציטאַטע וועגן די קללות איז גענומען פון ספר דברים. (170) און דאָרטן רעדט זיך וועגן דער צייט וואָס די אידן האָבן געדאַרפט אַרי־בערגיין דעם ירדן און אַריינקומען אין ארץ ישראל און ווערן אַ פאָלק. אין יענעם טאָג האָבן שמעון און לוי, און יהודה, און יששכר, און יוסף, און בנימין געדאַרפט שטיין אויפן באַרג גרזים, צו בענטשן דאָס פאָלק, און ראובן, גד און אשר, און זבולון, דן און נפתלי האָבן געדאַרפט שטיין אויפן באַרג עיבל. און די לויים האָבן געדאַרפט אויסרופן אויף אַ הויכן קול געוויסע זאַכן וואָס זיינען שטרענג פאַר־באָטן צו טאָן, ווי: מאַכן אַן אָפּגאָט, מבזה זיין פאָטער אָדער מוטער, גנבנען אָדער רויבן יענעמס לאַנד, נעמען שוחד (כאַבאַר), צו דער־שלאָגן אַ מענטש א. ז. וו. פאַר אַזעלכע חטאים זאָל מען זיין פאַר־שאָלטן און דאָס פאָלק האָט געדאַרפט ענטפערן: אָמן (דאָס הייסט: אַז זיי נעמען אויף זיך די דערמאָנטע פאַרפליכטונגען). אָבער ווען מען וועט אָפּהיטן אַלע געבאָטן פון גאָט, וועט מען זיין פילפאַך גע־בענטשט אין אַלעס וואָס מען פאַרמאָגט אָדער מען טוט.

צו דרינגען דערפון אַז אַלע וועלכע זיינען אונטערן איינפלוס פון דער תורה זיינען אונטער אַ קללה, דאָס האָט נאָר שאול (פּאָולוס) געקאָנט טאָן.

די צווייטע ציטאַטע זיינע וועגן דעם וואָס ישוע (יעזוס) האָט באַפרייט זיינע אָנהענגער פון דער קללה דערמיט וואָס הענגענדיק אויף אַ בוים האָט ער אויף זיך גענומען די קללה, איז אויך גענומען פון ספר דברים. (171) דאָרטן שטייט: „אַז אויב אַ מאַן וועט באַגיין אַ זינד פאַר וועלכער אים קומט טויט־שטראָף, און ער וועט געטויט ווערן, און וועסט אים אויפהענגען אויף אַ בוים, זאָלסטו ניט לאָזן איבערנעכטיקן זיין לייב אויפן בוים, נאָר באַגראָבן זאָלסטו אים דעם אייגענעם טאָג. ווארום אַ שענדונג פון גאָט איז אַ געהאָנגענער; און זאָלסט ניט פאַראומרייניקן דיין לאַנד וואָס דיין גאָט גיט דיר פאַר אַ נחלה.״

האָבן דען די אידן פאַרמשפּט ישוען (יעזוס) צום טויט? האָבן זיי אים געהאַנגען? איז ער געהאַנגען מער ווי אַ טאָג אויף אַ בוים? וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער אָנזאָג אין דברים וועגן פאַרברעכער וואָס ווערן געהאַנגען מיט דער געשיכטע פון ישוע הנוצרי?

שאול (פּאָולוס) האָט ניט געמאַכט קיין טעות אין די אויסטיי־טשונגען פון די פסוקים. מען קאָן אויך ניט אָננעמען, אַז ער האָט ניט גוט פאַרשטאַנען די פסוקים וועלכע ער האָט ציטירט. ער איז געווען אַ געלערנטער מאַן, אַ בקי אין תנך. ער האָט אבזיכטלעך און באַ־וואוסטזיניק געפעלשט די טיילן פון תנך וואָס ער האָט ציטירט, כדי צו באַאיינפלוסן זיינע גוישע אָנהענגער, אָדער באַקעמפן די אידישע נוצרים וועלכע האָבן געקאָנט תנך, נאָר ווייניקער ווי ער.

די מורא צו פאַרלירן זיין איינפלוס אויף זיינע ניט־אידישע אָנ־הענגער, און זיין כעס אויף די אידישע נוצרים פאַר ניט וועלן זיך אָפּזאָגן פון תורת משה און אים אָנערקענען אַלס זייער פירער, האָט אים געטריבן צו פאַרצווייפלונג. ער האָט קיינעם פון די נוצרישע אַפּאָסטאָלן ניט געטרויט. און ער האָט זיי ניט געקאָנט מוחל זיין ווען זיי האָבן אויך ציטירט תנך און ווידערשפּראָכן זיינע מיינונגען.

---

(169) פּאולוס בריוו צו די גאַלאַטער, קאַפּיטל 5, פּאַר. 7—2.
(170) ספר דברים, קאַפּיטל 27, פּאַר. 26.
(171) ספר דברים, קאַפּיטל 21, פּאַר. 23, 22.

העלפט בויען אייער־אונזער „וואָכנבלאַט״ — די איינציגע אומאָפּהענגיקע צייטשריפט אין אמעריקע.



ה. קופּערוואַסער

# צום אַכטן יאָרצייט נאָכן חורבן

(איינדרוקן פון אַ פּליט)

אַ גאַנצע ליטעראַטור איז שוין אָנגעשריבן וועגן אונזער חורבן. מערערע אַרטיקלען און ביכער האָבן באַשריבן די גרויזאַמע פּיין און ליידן, וואָס אונזער פאָלק האָט אין די לעצטע יאָרן אַדורכגעליטן. און דאָך זיינען פאַראַן סימנים אַז פאַר אַ גרויסער צאָל אַמעריקאַנער אידן איז ניט באַוואוסט און ס׳איז פאַר זיי פּשוט שווער צו גלויבן די גרויס פון אונזער אבידה, און די שרעקלעכע יסורים און פּיין וואָס מיר האָבן געליטן.

ס׳איז ממש צו שטוינען איבער זייער אַרטריידן און פאַלשער אויפפאַסונג וועגן אידישן מאַרטירערטום, וועגן אידישן אויסדויער און העלדישקייט; און נאָך פיינלעכער איז די קאַלטע און גלייכגילטיקע באַציאונג צו דעם גרויסן פאָלקס־אומגליק!

וואָס־זשע האָט אַזוינס פּאַסירט?

דאָס גרויסע אַמעריקאַנער אידנטום האָט נאָך אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען פון אידישן לעבן און מיט זיין השפעה און אחריותדיקע איבערגעבנ־קייט פאַר די נויטן פון זיינע ברידער זיך דערוואָרבן אַ שטאַרקע פּאָזי־ציע ביים וועלט־אידנטום. נאָך דעמאָלט האָט זיך פאַר אונז אַנטדעקט דער כוח און די וויכטיקייט פון די אַמעריקאַנער אידן, מיט זייער נאַ־ציאָנאַל־פּאָליטישער ראָל אין קאַמף פאַר אונזער פאָלקס קיום.

ווער געדענקט ניט דאָס יאָר 1914? די רדיפות אויף די רוסישע און פּוילישע אידן האָבן גורם געווען צו דעם גרויסן עמיגראַציע־שטראָם נאָך אַמעריקע. דעמאָלט איז ניו־יאָרק געוואָרן דער מקום מקלט פאַר אונזערע ליטעראַרישע גדולים און געזעלשאַפטלעכע טוער; און דער צופלוס פון די נייע כוחות האָט געגעבן אַ שטויס אויף פאָראויס דאָס גאַנצע אידישע לעבן אין אַמעריקע.

און מיר, די אייראָפּעאישע אידן, האָבן מיט דער גרעסטער אויפ־מערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט די אויפלעבונג פון אידישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן אין אַמעריקע, ניט בלויז אַלס סטראַטעגישע באַזע מיט אירע וויכטיקע הילפס־אינסטיטוציעס אין פאַרשידענע לענדער, ווי דער „האַיאַס״, „דזשאָינט״, „אָרט״ אד״גל נאָר אויך די גייסטיקע רעוואָ־לוציע, די גייסטיקע דערוואַכונג, דעם אידישן שאַפונגס־גייסט. די פאַרצווייטע נעצן פון קאָאָפּעראַטיוון, שולן, קינדער־היימען, ביבליאָ־טעקן, ליטעראַרישע פאַראיינען, אַרבעטער־רינג, וכדומה... ס׳איז איבעריק צו דערמאָנען, ווי דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף אונז אין די יאָרן פון אויסראָטונג און פאַרפאָלגונג; אונזער גאַנצע האָפנונג, אונ־זער גאַנצער קיום, דער איינציקער אָנהאַלט, איז פאַר אונז געווען אונזערע ברידער אין אַמעריקע!

גאַנץ אַנדערש, אָבער, איז די איצטיקע באַציאונג צו דעם קליינעם רעשטל איבערגעבליבענע קרבנות נאָך דעם גרויסן חורבן... און דאָ ווילט זיך נאָכאַמאָל איבערחזרן די פראַגע: וואָס האָט אַזוינס פּאַ־


יעקב יערוזאַלימסקי
דימענט שליייפער
נעמט אָן באַשטעלונגען פון פּריוואַטע פּערזאָנען.
קאָרעקטע און ערלעכע באַהאַנדלונג.
גאַראַנטירטע פּרייזן.
DIAMOND DEALERS CLUB
36 W 47 St., N.Y. TU-6-9013

יוסף סאָס
פאָלקס רעדנער
איז גרייט דורכצופירן
מעמאָריאַלס און חקמת מצבות
לפי רוח הזמן
JOSEPH SOSS
251 Warwick St., B'klyn, N.Y.
Tel. CL 7-1503

לעבנס פאַרזיכערונג מיט
דיסאַבילישי איז דער שטאַרקסטער
שיל פאַר אייך, אייערע נאָענטסטע
און טייערסטע. איך וועל אייך
אינשורן מיט פולן דיסאַבילישי
אָדער האַלב דיסאַבילישי.



MEYER ANGSTREICH
60 E. 42nd St., Tel. MU 2-1630

סירט? וואָס האָט גורם געווען, אַז די עלטערע אידישע אימיגראַנטן, די וועלכע זיינען נאָך אַליין געווען די עדות פון שרעקלעכע אידישע איבערלעבענישן; די, וואָס זיינען אויך, אַזוי ווי מיר, געטריבן געוואָרן פון ביטערן גורל, האָבן ניט די מינדסטע פאַרשטענדעניש, דעם קלענסטן מיטגעפיל צו דעם גרויסן אידישן אומגליק? אמת איז, אַז דאָס אַמעריקאַנער לעבן איז אין תוך פריילעך און זאָרגלאָז, מען פאַרגעסט שנעל אין געשעענישן; און ווער שמועסט נאָך טרויעריקע געשעענישן — וויל מען אַוודאי וואָס גיכער פאַרגעסן. אין דער אמת'ן: ווי לאַנג איז דער שיעור צו וויינען? ווי לאַנג איז דער שיעור צו טרויערן?.. האָבן דאָך אַפילו מאַנכע אידישע שרייבער שוין פון לאַנג שלום געמאַכט מיטן גורל, און וואָס גיכער זיך אָפּגעפּטרט מיט דעם טרויעריקן ענין! און דאָך באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז אַלץ איז ניט מיטן גלייכן. אַז די סיבה פון וואָס גיכער פאַרגעסן אין דעם גרויסן אידישן אומגליק, קומט גאָר פון אַ גאַנץ אַנדערן מקור!

ס'ליגט פאַר מיר דער „חורבן אייראָפּע", אָנגעשריבן פון דר. יצחק לעווין. דאָס בוך באַשטייט פון אַ גאַנצער ריי פּובליציסטישע אַרטיקלען, וועלכע זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין דער אָרטיקער אידישער פּרעסע אין די יאָרן פון מאָרד און אויסראָטונג. יעדעס אַרטיקל איז אַ דערמאָנונג, און מאָנט תיכפדיקע הילף פאַרן אייראָפּעאישן אידישן ישוב. דער מחבר ווייזט אָן אויף די מעגלעכקייטן, וועלכע זיינען געווען צו העלפן און זיינען פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן צוליב אייגענעם אייגזען און פערזענלעכע אַמביציעס. דאָס בוך, וואָס איז פול מיט דאָקומענטן און אויטענטישע באַווייזן, דערמאָנט אין אַ סך פאַלן ווען ס'איז מעגלעך געווען צו שיקן הילף פאַר אונזערע אומגעקומענע ברידער, נאָר לײדער זיינען די געלעגנהייטן ניט אויסגענוצט געוואָרן פאַר ממשות'דיקע מעשים. דאָס בוך, וואָס טראָגט אויך דעם טיטל: „דער דור, וואָס איז פאַרשטיינערט געוואָרן", איז אין תוך אַ גרויסער באַשולדיקונגס־אַקט, דער עיקר קעגן די אַמעריקאַנער אידישע פאַרשטייער.

דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט ניט אויסגעפירט זיינע התחייבותן לגבי זיינע אומגעקומענע שוועסטער און ברידער. דערפאַר טאַקע קוקט מען אויף אונז, ווי אויף אייביקע מאָנער און דערמאָנער, פון וועלכן מען וויל וואָס גיכער פאַרגעסן און פּטור ווערן. אָט אין דעם טאַקע ליגט די גאַנצע טראַגיק. כדי צו געבן דעם געהעריקן פּערספּעקטיוו די טרויעריקע אידישע געשעענישן אין די לעצטע יאָרן, איז גענוג צו ברענגען נאָך מאַנכע איינצלהייטן פון אַ געשפּרעך מיט צוויי עלטערע אידן, וואָס באַווייזן, ווי ווייניק באַקאַנט עס איז דער אמת וועגן אונזער חורבן (די אַדרעסן און די נעמען פון די צוויי אידן איז אין מיין באַזיץ). מר. פ., וואָס איז אַ באַלעבאַטישער איד, שוין אין די זיבעציקער יאָרן, לייענט יעדן טאָג אַ אידישע צייטונג, און געדענקט נאָך גוט די צייטן פון דער אַלטער היים. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער ליב וועגן איר צו דערמאָנען. נאָר פאַר אים איז שווער תופס צו זיין, אַז אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען אַן אויפשטאַנד. אַז איך באַמי זיך אים דעריבער אויפצוקלערן, פרעגט ער מיט קינדישער נאַאיוקייט: „פאַר וואָס האָבן די אַנדערע געטאָס ניט געמאַכט קיין אויפשטאַנד?" ערגער איז מיט מיין שכן, אויך אין די זיבעציקער, לייענט פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר טאָג־טעגלעך אַ אידישע צייטונג. פאַר אים איז עפּעס שווערלעך צו גלויבן אין דעם ציפער פון זעקס מיליאָן קדושים. „איז עס טאַקע אמת?" — וואונדערט ער זיך, און דערביי לאָזט ער אַ פאַרשעמטער אַראָפּ דעם קאָפּ.... און זיי ביידע פאַרזיכערן מיר, אַז זיי וואָלטן גערן אָנגעצונדן אַ יאָרצייט־ליכט פאַר די נשמות פון די אומגעקומענע קדושים, נאָר זיי ווייסן נעבעך ניט וויפיל, און וואָס, און ווען?... וואָלטן די צייטונגען וועגן דעם מער געשריבן, וואָלטן מיר דאָך כאָטש עפּעס מער געוואוסט!..

ווּעמען דאַרף מען צושרייבן די שולד פאַר די אַלע טרויעריקע דערשיינונגען? ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס דער סתם־איד, וואָס איז נאָך אַ ביסל צוגעבונדן צום אידישן וואָרט, איז פאַר אים אינגאַנצן פרעמד די גרויזאַמקייט פון אונזער נאַציאָנאַלן פאָלקס־אומגליק? ס'איז פשוט שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז די אידישע פאַרשטייער פון גרעסטן אידישן קיבוץ האָבן זיך אַזוי גיך באַפרייט פון די שאַטנס פון אונזער ערשט טרויעריקן עבר!

מען טאָר דאָס לענגער ניט פאַרשווייגן, ווייל דאָס איז אַ פאַרשוועכונג פאַר אונזערע אומגעקומענע קדושים. מען מוז אָן אויפהערן דערמאָנען, און שרייבן, און דער עיקר: פאַרשפּרייטן די חורבן־ליטעראַטור צווישן די אָרטיקע אידן, כדי זיי זאָלן זיך דערוויסן ניט בלויז פון אונזער טרויעריקן אומקום, נאָר אויך פון דעם העלדישן ווידערשטאַנד, פון די העראָאישע גבורות, פון אונזערע מוטיקע קעמפער, וואָס האָבן אויף דור־דורות באַשיינט דעם אידישן נאָמען...

אמת, אַז די היסטאָריקער קלויבן דאָקומענטן פון אונזער גרויסן חורבן; מען שרייבט אויך די געשיכטעס פון אומגעקומענע היימען, א.אַז.וו. פון די מאַטעריאַלן אָבער געניסן דאָ אין אַמעריקע, לײדער, נאָר יחידים; פאַר די אידישע מאַסן בלייבט דאָס כמעט ווי ניט באַקאַנט...

דעריבער ליגט אויף אונז דער חוב אויפצוקלערן, וועקן דעם באַוואוסטזיין, און געבן צו פאַרשטיין, אַז דער טרויער נאָך אונזער חורבן איז אַ נאַציאָנאַלער פאָלקס־טרויער! ווייל אין תוך איז יעדער איד איינער פון די אָפּגעראַטעוועטע בבחינת שארית הפליטה...

און פאַר אונז איז אויך קלאָר, אַז מיר, מיר, די לעבעדיקע עדות פון גרויסן אומקום; מיר, וואָס האָבן מיט אַ פרומען ציטער זיך איינגעהערט צו די לעצטע שמע ישראל־אויסגעשרייען; מיר, די געפּרואווטע מיט טרעבלינקער ערב־טויט יסורים, מיר, די שטענדיקע אבלים; מיר, וואָלטן געקאָנט ביטראָגן צו דער אויפקלערונגס־טעטיקייט, דורך דערמאָנען און דערציילן... — דערציילן? אַז קיינער וויל אונז ניט הערן, אַפילו די אונז גייסטיק נאָנטע דרייען זיך פון אונז אַוועק ווען מיר דערציילן וועגן אונזערע שלאָפלאָזע נעכט, וועגן די שרעקלעכע חלומות, איבער אונזערע טרויעריקע בין־השמשותן — זאָגן? וואָס קאָנען מיר אייך זאָגן! אַז מיר באַקעמפן ניט דעם שמערץ, נאָר מיר טראָגן אים אין זיך; אַז מיר קלאַמערן זיך אין אים; אַז ער איז פאַר אונז אַ הייליקער אָנדענק אין אונזערע נאָענטסטע און טייערסטע... ניין! אונזער טרויער וועט ניט אַדורכדרינגען אייער פריינטלעכקייט! אונזער געמיטס־צושטאַנד וועט ניט צעשטערן אייער זאָרגלאָזיקייט! ווייל פאַר אייך איז פרעמד אונזער פּיין און ליידן; ווייל איר האָט ניט געפּרואווט דעם טעם פון די טרעבלינקער ערב־טויט־יסורים; ווייל איר האָט ווייניק אַדורכגעליטן, כדי זיך צו קאָנען דערהויבן צו דער מדרגה פון אונזער בראָך און חורבן!..

זאָל ביי יעדן איינגעקריצט זיין אין זכרון, די צוואה פון אונזער גרויסן מקונן, זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, ע"ה, וואָס איז אַוועק פון אונז אין זיינע וועלטן פון נעכטן...

„איך גיב אייך איבער מיין צוואה
פאַר צייטן אַנדערע... אין פרידן,
איר זאָלט געדענקען די השפעה
און דעם באַדייט פון יענע אידן.
איר זאָלט מיט ליד און שכינה־צאַרן
מיט בלוט באַוויינען די אבידה,
ווייל גאָט האָט יעצט פאַרלאָרן
די בעסטע דאַוונערס פון זיין עדה."

און דער דיכטער פון צער און עצבות וועקט אונזער געוויסן און מאָנט — ניט צו פאַרגעסן. מען שרייבט נאָך אַ ביסל וועגן דעם חורבן. מען וועט אויפהערן צו שרייבן. בלויז געציילטע היסטאָריקער וועלן דערמאָנען. מיר, די אבלים; מיר, אונזער דור, קאָן נאָך געדאַנקלעך אַרומנעמען די נאָענטסטע געשטאַלטן און נישט שלאָפן אַ נאַכט, און נישט שלאָפן אַ סך נעכט... אַזאַ קאַראַהאָד פון מתים פאַר די אויגן! אויף יעדן קרבן וואָלט זיך וועלן אַרויפלייגן די האַנט און מיט פחד אין האַרצן, מיט פאַרשעמטער חרטה איבערבעטן, ווייל מען איז פאַרבליבן צווישן די לעבעדיקע, ווייל אויף זיי איז אויסגעפאַלן אַזאַ ערב־טויט און אַזאַ טויט... אַ טרייסט וואָלט עס געווען, ווען די לעבעדיקע זאָלן ווערן אַ ביסל עמפּינדלעכער. זיי זאָלן אָנהויבן מער פילן און דערפילן דעם טעם פון טרעבלינקער יסורים; אויב די נקמה וועט רופן יעדן טאָג, יעדע שעה, אויב מיר ווילן ווייטער דולדן אַזאַ וועלט, זיינען מיר שטילע שותפים צו די מערדער. אַזוי פאַרשטייט דאָס געוויסן, דאָס ביסעלע געוויסן, וואָס איז נאָך ערגעץ־וואו פאַרבליבן.

Dr. A. A. Roback
8 Prescott St.
Cambridge, Mass.



## גרשם באַדערס אַרטיקל

(סוף פון ערשטער זייט)

דעם פאַרלאַנג פון אַ וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט פאַר די ביכער, וואָס דאַרפן געווינען אַ פּריז און מען האָט וועגן דער דאָזיקער ענדערונג נישט פאַרשטענדיקט די אַלע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט צוגעשיקט זייערע ביכער, אַז זיי דאַרפן נישט דערוואַרטן קיין פּריז, ווייל די „פּריז־ריכטער" האָבן געפּועלט ביים נדבן, צו ענדערן די באַשטימונג פון זיינע פּריזן.

עס ווילט זיך דאָ נישט זאָגן, אַז די דענסטמאָל אויסגעקליבענע פּריז־ריכטער זיינען, חלילה, נישט געווען פּעאיק פאַר זייער אַמט. עס ווילט זיך נאָר באַמערקן, אַז דאָס ענדערן די באַשטימונג פון די פּריזן פאַר בעלעטריסטיק אַנשטאָט פאַר וויסנשאַפט, איז דענסטמאָל געווען נישט גאַנץ אין אָרדענונג, כאָטש מען קען נישט באַהויפּטן אַז דער מעצענאַט האָט נישט קיין רעכט, צו טאָן מיט זיין געלט, וואָס ער וויל — און באַשטימען זיינע פּריזן, פאַר וועמען עס געפעלט אים.

די „פּריז־ריכטער", ווי אומפּאַרטייאיש זיי זאָלן נישט וועלן זיין, זיינען אויך נישט מער ווי מענטשן מיט געוויסע „סימפּאַטיעס" — און ווען זיי קענען נישט צונעמען די פּריזן פאַר זיך אַליין, האָבן זיי „גוטע ברידער", מיט וועמען מען זיצט אַמאָל צוזאַמען אין אַ „קאַפע־הויז" און זיי האָבן אויך איבערגעגעבענע חברים, קרובים אָדער מחותנים, וואָס שרייבן ביכער. מוז דאָס טאַקע האָבן אַ גרויסן איינפלוס אויף דער באַשטימונג פון די פּריזן!

האָט זיך דאָס דאָזיקע פאַרהעלטעניש שפּעטער אַנטוויקלט אין אַ שטענדיקן סיסטעם. אַזוי ווי דער נדבן האָט געדאַרפט אויסקלייבן יעדעס יאָר אַנדערע „פּריז־ריכטער", האָט זיך עס אַזוי געמאַכט, אַז די פּריז־ריכטער פון איין יאָר, זיינען געוואָרן די „פּריז־געווינער" פונם אַנדערן יאָר. דערצו האָט עס אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע דערשטוינונג, ווען דאָס ברייטע פּובליקום האָט דערזען די חבורים, וואָס האָבן געוואונען די פּריזן. האָבן דאַן מאַנכע אויפגעהויבן אַ „ויצעקו", אַז אַ געוויסע גרופּע שרייבער האָלט אָקופּירט דאָס אַמט פון די „פּריז־ריכטער", און מען מעג דערפאַר צווייפלען אין דער אומפּאַרטייאישקייט פון זייערע „פּסקי־דינים"...

זיינען דאַן געקומען אַנדערע, וועלכע האָבן באַהויפּטעט, אַז אַזעלכע שרייבער, וואָס האָבן נישט קיין חבר אָדער מחותן צווישן דער גרופּע „אַקופּאַנטן", האָט נישט קיין שום האָפענונג, עס זאָל אַמאָל אויסקומען „על פּי נס", אַז אַ פּריז זאָל אַריינפאַלן צו איינעם פון זיי...

האָט דאַן דער נדבן פּלוצעם אָנערקענט, אַז די אידישע ליטעראַטור קען אויך זיין אין העברעאיש און ער האָט דערפאַר אָנגעהויבן אויסטיילן אַ העלפט פּריזן צו העברעאישע חבורים. איז אויך דאַן אַ טייל פון די שרייערס איינגעשטילט געוואָרן. העברעאיש האָט ביי אונז אַ באַזונדער מזל. ביי העברעאיש קען מען געווינען אַ פּריז פאַר אַ נייעם „אשר יצר", צי נייעם „שיר המעלות" ביי אַ קימפּעטאָרין...

נאָר וועגן די אידישע פּרייז־געווינערס האָט מען נישט געוואָלט שווייגן!

זיינען איצט די פּריז־ריכטער געפאַלן אויף אַ נייעם פּלאַן, און זיי האָבן באַשטימט די פּריזן פאַר אידיש אויסשליסלעך צו אויסלענדישע שרייבער, וואָס מען זאָל וועגן זיי נישט קענען זאָגן, אַז זיי זיינען קרובים אָדער מחותנים פון די „פּריז־ריכטער". האָט דעם פּרייז פאַר פּאָעזיע באַקומען די דיכטערין רחל קאָרן אין קענעדע. טאָ זאָל עס איר וואויל באַקומען. אָבער וועגן דעם פּריז פאַר פּראָזע, וועלכער איז דאָס יאָר געגעבן געוואָרן צו אליהו ליפּינער, ווילט זיך אונז זאָגן אַ וואָרט.

בעצם הדבר, האָט קיינער נישט אויסצוזעצן גאָר קעגן דעם בוך, וועלכעס האָט דעם פּריז געוואונען, ווייל לויט דער ווערדע פון דער אַרבעט, וואָס דער אליהו ליפּינער האָט אַריינגעלייגט אין זיין חבור, איז דער פּריז אַ צו־קליינער!

די קשיא איז נאָר, וועמען אין אַמעריקע האָט דאָס דאָזיקע בוך געפעלט?

געווען אַמאָל מיט 450 יאָר צוריק אַ פּאָרטוגעזישער „מאַראַנאָ"



מיטן נאָמען שמואל אושקי, וואָס עס איז אים געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פון פּאָרטוגאַל און צו געפינען אַ נייעם פּלאַץ אויף צו לעבן אין דער איטאַליענישער שטאָט פעראַראַ. האָט ער דאָרט אָנגעשריבן אַ חבור אין פּאָרטוגעזיש, מיטן נאָמען „אַ טרייסט צו די ליידן פון ישראל".

עס פאַרשטייט זיך אַליין, אַז די גלחים האָבן אַזאַ חבור געמוזט קאָנפיסקירן, גלייך ווי אונזערע רבנים, להבדיל, וואָלטן קאָנפיסקירט אַ חבור קעגן דער אידישער אמונה פון אַ משומד, ווען זיי וואָלטן נאָר געהאַט די מאַכט דערצו!

איז מה רעש? און ווער דאַרף היינטיקע צייטן אָט אַזאַ חבור?

דער פּריז־געווינער דערציילט אונז, אַז דער שמואל אושקי איז אַ פאַרגעסענער און ער האָט אים אויפסניי אַנטפּלעקט. איז „תבא עליו ברכה", — אויפן פּריז־געווינער מיין איך. אַזוי ווי ער האָט נעבעך אַריינגעלייגט אַזוי פיל אַרבעט אינם איבערזעצן דעם פּאָרטוגעזישן חבור און אייגנטייטשן יעדע שורה פון זיין אינהאַלט, דאַרף מען אים אָפּגעבן אַ האַרציקן „יישר כוח" און יעדע פּאָרטוגעזישע אַקאַדעמיע וואָלט אים געדאַרפט געבן אַ פּריז!

מר. ליפּינער באַטאָנט עטלעכע מאָל, אַז דער אושקי האָט געשריבן זיין ווערק נישט אויף קאַסטיליש, נאָר אויף פּאָרטוגעזיש, די אָפיציעלע שפּראַך פון בראַזיליע. וואָלט אים די בראַזיליאַנער רעגירונג געדאַרפט געבן אַ פּריז, ווען זי זאָל פאַרשטיין אָפּצושאַצן די גרויסע באַדייטונג, וואָס עס האָט אַזאַ אידישע איבערזעצונג פון אַן אַלטן פּאָרטוגעזישן חבור אויפן גאַנג פונם היינטיקן אידישן לעבן אין בראַזיליע!.. ווען דער בראַזיליאַנער קייזער דאָן פּעדראָ דער צווייטער וואָלט נאָך היינט געלעבט, וואָלט ער זיכערלעך געגעבן ליפּינערן גאָר אַ גרויסן פּריז!

אַזוי ווייס איך נישט פאַר וועמען די דאָזיקע אַרבעט קען טויגן!

ביים אידישן היסטאָריקער איז שמואל אושקי אַ באַוואוסטע פּערזאָן. אין זיין צייט זיינען געווען פילע צענדליקער פון זיין גלייכן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער אינקוויזיציע און איבערגעגעבן זייערע געדאַנקען אין ביכער, וואָס זיינען פאַרלוירן געגאַנגען אינם פייער פון דער אינקוויזיציע אָדער דורך אַנדערע אורזאַכן — און קיינער זוכט זיי נישט היינט!

אושקי אַליין האָט געהאַט דאָס באַזונדערע „גליק", דערמאָנט צו ווערן ביי קייזערלינג, גרעץ, דובנאָוו, צינבערג און אַנדערע אין פּאָרטוגעזיש, שפּאַניש, לאַטייניש, דייטש, ענגליש, אידיש און העברעאיש.

ווען דער „לאַמעד־פאָנד" האָט היינטיקן יאָר נישט געוואָלט געבן אַ פּריז פאַר איינעם פון די בעלעטריסטישע ביכער, וואָס זיינען אַרויסגעקומען אין 1949 — האָט מען גאַנץ גוט געקענט אויסקלייבן איינס פון די קלאָג־ביכער וועגן די צרות פון היטלערס צייטן!

אלא וואָס?

דער „לאַמעד־פאָנד" וויל איצט לעבן לויט אַ נייער „פּאָליסי". פאַר העברעאיש זאָל מען ווייטער געבן פּריזן „כדאשתקד" און כדי שלא יחרץ העברעער את לשונו. נאָר פאַר אידיש האָט מען זיך פאַרגענומען, צו זוכן דווקא אויסלענדישע פּריז־געווינערס. דאַרף מען דאָס באַקאַנט מאַכן אין דער אידישער שרייבער־וועלט, די מענטשן זאָלן וויסן, אַז בנוגע צו לידער, דאַרף מען בלויז פאָרן קיין קענעדע, צו געווינען אַ פּריז. אָבער אַ שרייבער אין פּראָזע דאַרף זיך גריבלען אין פּאָרטוגעזישע שיימעס, אָדער אין אַנדערע ענלעכע טעמאַטן, וועט מען זיין זיכער מיט אַ פּריז.

הויפּטזעכלעך טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז אַזאַ שרייבער דאַרף וואוינען ערגעץ מעבר לים!..

וואָכנבלאַט חנוכה קאָנצערט
שבת אָוונט, 2־טן דעצעמבער, 1950
— אין —
ליבאָר טעמפּל אוידיטאָריום
14-טע גאַס און 2-טע עוועניו, ניו-יאָרק
באַרימטע קינסטלער וועלן אָנטייל נעמען

ש. טענענבוים

# די וועלט פון א. לוצקי

„אַ בוך צום לעבן" (ספר לחיים) פון א. לוצקי. ניו־יאָרק, 1948.

**(צו זיין 35־יאָריקן יובל)**

(המשך פון לעצטן נומער)

געוויסע פּאָעטן פאַרגיסן גאַנצע פעסער טינט כדי צו באַווייזן, אַז דאָס לעבן איז הייליק. זיי פאַראַדירן מיט דער הייליקייט פון יעדעס פּיצל לעבן. און ווער ווייסט וויפל שלעכטס זיי טוען אָפּ אַלץ אונטער דער מאַסקע פון הייליקייט. ביי א. לוצקי טרעף איך נישט אָן דאָס וואָרט „הייליק". עס איז כמעט אין גאַנצן בוך לידער נישטאָ. אָבער וואו איר טוט אַ ריר אַ לוצקישן ליד — דערפילט איר אינסטינקטיוו אַז דאָס לעבן איז הייליק. דו רירסט אָן זיינע לידער ווי לעבעדיקע באַשפּענקשן. יעדעס ליד, האָט זיין פאָרם. זיין געשטאַלט. זיין אינערליכן לעבן. זיין האַרץ און זיינע בלוט־געפעסן. די לידער זיינען געמאַכט פון דעם אמתען שטאָף פון לעבן. און די הייליקייט פון לעבן וואַקסט אַרויס פון דער שיינקייט פון לעבן. פון דעם וואונדערלעכן שפּיל פון דעם גרויסן לעבן אויף דער ערד, אונטער דער זון.

די וועלט פון א. לוצקי באַשטייט פון דער פלאָרא, פאַונאַ און דעם מענטש. אין זיין בוך „בראשית־אינמיטן" האָבן מיר צו טאָן מיטן סאַמע געבורט פון דער וועלט, פון דער ערד. „בראשית־אינמיטן" איז אַ מין קאָסמאָגאָניע, אַ סיסטעם, אַן אויסטייטשונג און אַ דערציילונג ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. אין דעם איצטיקן בוך „אַ בוך צום לעבן" האָבן מיר לידער וואָס ווערן פאַרטיילט אין די דריי הויפּט־רעגימענטאַציעס: פלאַנץ, חיה און מענטש.

* * *

אין דער אידישער דיכטונג, ווי אין דער דיכטונג פון דער וועלט, האָבן מיר לאַנדשאַפטס־באַזינגער. בלומען־באַזינגער. זון־פאַרגאַנג און זון־אויפגאַנג־דיכטער. פרויען־טרובאַדורן און מינע־זינגער. זיי אַלע שטייען פאַרגאַפט פאַר די פאַרבן פון זון־אויפגאַנג. פאַר דער דאַמעס פרעכטיקן שמייכל. פאַר דער צאַרטקייט פון דער בלום. פאַר דער שיינקייט פון דער לאַנדשאַפט. קיין סימן נישט פון דעם אַלעם האָבן מיר אין א. לוצקי. ער באַזינגט נישט קיין בלומען. ער קושט נישט דער דאַמעס הענט מאַדאַנישע. ער שטייט נישט פאַרן זון־אונטערגאַנג מיט אַ תהילים׳ל אין דער האַנט. ער פאַרגלייכט נישט די לאַנדשאַפט צו קייַ מאַלעריי. ווייל א. לוצקי פאַראַדירט נישט מיט קיין שיינקייטס־סערענאַדעס. דערפאַר נעמט ער נישט קיין פאַרטיקע שיינקייטס־אָביעקטן. ער גייט נישט אין קיין אויסגעטראָטענע וועגן פון דער וועלט־דיכטונג. גן־עדן־פויגל און פאַפּוגייערס פליען נישט אַרום אין דעם כינעזישן פּאַלאַץ פון זיין דיכטונג. ער איז אָבער יאָ אַ גרויסער נאַטור־דיכטער. איבער דער שיינקייט שטייט ביי אים דאָס זיין. די עקזיסטענץ. די אַקטיוויטעט, די מאַניפעסטאַציע פון לעבן. נישט קיין בלומען, נאָר ביימער באַזינגט ער. אינם ציקל „די וועלט אויפן פעלד" האָב איך אָפּגעציילט אַכצן לידער וועגן ביימער. און וויפל לידער וועגן ביימער זיינען פאַראַן אינם איבעריקן טייל בוך, און אין די אַנדערע ביכער. זעלטן איז ביי א. לוצקי פאַראַן אַ ליד אָן ביימער. מענטש דריקט אויס זיין בענקשאַפט צו דער אורצייט דורך די גרויסע ביימער. צופוסנס פון די ביימער שפּילט זיך יינגעל, שפּילט זיך יינגעל־מענטשהייט, שפּילן זיך פעלקער ווי מוראַשקעס, גייט אויף די אורצייט פון דעם מענטשנס וועלט־און־ערד־געשיכטע. אין דער דאָזיקער וועלט הערשט דער בוים. אין דער נאַטור איז די הויפּט־דעקאָראַציע — דער בוים. וואו איז אין דער דאָזיקער ברוטאַלער נאַטור פון שטורמס און טייכן און וועלדער פאַראַן פּלאַץ פאַר בלומען ? לוצקי איז נישט ווייבלעך.

„וואָס מיר בלום
און וואָס מיר רויז ?
אַרויס — און אויס !"

ווען א. לוצקי זינגט וועגן בלומען, איז עס אין שפּאַס, אין חוזק. אָבער זיין געביט איז בוים און ווינט. זיי שפּילן אַן אוראַלטע ליד, פון מעשה בראשית אָן. ווינט — דער שליח, דער שדכן פון דער לאַנדשאַפט, לאָנקע, גאָרטן און וואַלד. ווינט טראָגט אין זיינע פּאָלעס די וועלט־פלאַנצן, די וועלט־זוימען. ווינט און רעגן און שטורם און די ביימער — דאָס איז מאַנס אורלאַנדשאַפט. זיין ציקל „די וועלט אויפן פעלד" רעדט טאַקע וועגן „ווינטן, וועלדער, שטיינער, חיות, טייכן און זאַכן". עס איז מעשה בראשית, כאַאָס, שטורעם, קאַמף און ברויז, דאָס איז די מענטשלעכע וועלט אָנגעפּאַסט אויף דער נאַטור. דאָס איז אָדם וואָס קוקט אויף דער נאַטור. דאָס איז דאָס ווילדע שפּיל פון לעבן מיט אירע שיקזאַלן. דאָס איז דאָס שטורמישע שפּיל אין דער נאַטור, וואָס דער מענטש שטייט דערביי. אַן אוראַלטער עדות, און זעט עס צו מיט זיינע מענטשלעכע אויגן. און ער פירט אַריין דאָס מענטשלעכע אין דער קאָסמישער דראַמע. ווייל אָן דעם מענטש רירט זיך גאָרנישט אין דער וועלט. וואָס איז אַ בוים אויב נישט מענטשלעך געזען, דורכגעגאַנגען דורך מענטשלעכער זעאונג, וויזיע, טרוים, שטימונג ? וואָס איז די נאַטור, אָן דעם מענטשנס אינטערפּרעטאַציע ? ווילד און זינלאָז. עס איז דער מענטש וואָס טראָגט אַריין זיין שפּיל אין דער נאַטור. ווען איר לייענט אַ ליד „אַ בוים — אַן אָפּטימיסט", טראַכט איר פון אַ פעסטן זקן אַ פּאַטריאַרך, אַ שטאַרקן מענטש:

„שטאָלצט אַ בוים אין וואַלד:
וויפל דורות בין איך דאָ שוין אויסגעשטאַנען !
אַלערליי געוויטערס האָבן זיך אויף מיר געוואָרפן —
מיך, דעם אַלטן, אומצואוואַרפן.
מיך, דעם זקן — צו פאַרצוקן.
מיך געבויגן און געצויגן.
מיך געצוואונגען צו פאַרנויגן.
— פונם באָדן — ניט אַרויסגעצויגן.
ניט אַ טראָטעלע פון דאַנען.
וואו — מיין שטאַם — איז איינגעוואָרצלט.
דאָ — בין איך — פאַראַנען.
און פאַרבאָרגן מיט די שטאַמען —
שלים איך זיך מיט אַלץ צוזאַמען.
אין די ביימעלעך פון ווייטן —
זע איך איצטער מיין פאַרצייטן.
מיין פאַרטראַכט — אויף זייערע צווייגן.
מיין באַנעם — און זייער שווייגן.
איך בין דאָ — צו בלייבן.
זאַווערוכעס — אויפצעלאָכעס —
וועלן מיך פון דאַנען ניט פאַרטרייבן.
איך בין דאָ אין וואַלד —
אַריינגעוואָקסן מיטן וואַלד.
מיך — דעם זיידן פון דער וועלט —
וועט מען ניט פאַרלענדן פון דער וועלט."

ביימער — עקשנים, ביימער, ווי מענטשן — שטרייטער, קעמפער, אין געשלעג מיט די ווינטן פון דער וועלט, מיט שיקזאַל, ביימער — אָפּטימיסטן און פעסימיסטן. ביימער — די דראַמע פון דער מענטשהייט.

און נישט נאָר ביימער, זאַנגען, פלאַנצן, געוויקסן. אַלץ טראָגט אויף זיך די חתימה פון מענטש. די גאַנצע נאַטור, מענטש אָפּגעפאַרבט. די גאַנצע נאַטור, שיקזאַל פון מענטש. אין ליד „ישיבה אויפן פעלד" קומט דאָס צום אויסדרוק:

„ניט פון אַלע קערנער זיינען אויפגעגאַנגען זאַנגען !
מיר ווייסן ניט צו ציילן די פאַרלוירענע.
פילע זאָמען זיינען ניט געוואָרן
אויף די וועגן דאָ אַהער.
אויך ניט אַלע זריעה׳ס איז באַשערט
אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד.
דעם — אַ שטיינדעלע פאַרשטערט.
דעם — אַ שטרויעלע פאַרוועררט.
דעם — אַ ווערימל פאַרצערט
אַפילו די וואָס וואַקסן שוין —

דר. ב. דניאל

# דער אמת וועגן גרינדער פון קריסטנטום

(אַן ענטפער אויף שלום אַשס קריסטלעכן בוך „דער אַפּאָסטאָל“)

## פּאָולוס פאַבריצירט אַ נייע געשיכטע

(המשך פון לעצטן נומער)

אין אַ בריוו צו זיין געטרייען תלמיד, טימאָטעאוס, שרייבט פּאָולוס (172): „אַזוי ווי איך האָב דיך געבעטן צו בלייבן אין עפעזוס, בעת איך בין געגאַנגען קיין מאַצעדאָניע, כדי דו זאָלסט באַפעלן געוויסע מענטשן ניט צו לערנען קיין אַנדער לערע“ (דאָס מיינט אַז טימאָטעאוס האָט געדאַרפט ניט דערלאָזן אַז אַנדערע אַפּאָסטאָלן (שלוחים) פון די נוצרים זאָלן פּרעדיקן צו די באַקערטע גוים אין עפעזוס) „אויך ניט צו שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו באָבע־מעשות און יחוס־בריוו“ (דערמיט האָט ער געמיינט ניט צו שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו יעקב׳ן (דזשיימס) וואָס יענעמס יחוס איז וואָס ער איז ישועס (יעזוס) אַ לייבלעכער ברודער), „אַזוי טו איך אויך אַצינד דיך בעטן.“

מיט אַנדערע ווערטער: פּאָולוס האָט מורא געהאַט אַז ווען ער פאָרט אָפּ פון עפעזוס קיין מאַצעדאָניע וועלן געוויס אַנדערע אַפּאָסטאָלן

---

(172) פּאָולוס בריוו צו טימאָטעאוסן, קאַפּיטל 1, פּאַר. 11—3.

---

באַקומען ניט דעם זעלבן לוין.  
אַ שטאַמל נעבעך ניט געראָטן —  
אויפגעצויגן זיך אין שאָטן.  
אַ פרוילעך בליטעלע,  
געגרייט זיך באַלד צו זיין אַ רויז —  
אַרויף אויף איר אַ בייזער ווינט,  
און מיט אַמאָל — אַ ריס און אויס.  
דאָ האָט גאָר די זון אַליין,  
מיט צופיל וואַרעמקייט און גלאַנץ —  
פאַרלערנט אַ בליענדיקן פלאַנץ.  
אַ זאַנגל האָט אַרויסגעשפּאַרט,  
אַ שטיקל פּנים אין דער וועלט —  
און העכער גייט עס ניט.  
אַ צווייטל האָט זיך איינגערעדט  
פון אים וועט זיין אַ גרויסער בוים.  
אַרויסגעשפּראָצט אַ ריטל קוים.  
אַ שטאַנגל דאָרט שוין וואַכנלאַנג  
און נערט זיך מיט געדעכעניש —  
ער איז אַמאָל געווען אַ זאַנג,  
אַ דעמב, איינגאַנצן צו דער ערד געבויגן,  
איז די ערד זיין גאַנצע פרייד.  
ווייסט ער גאָרנישט אַז פון אויבן —  
איז אַ הימל אויסגעשפּרייט.  
דאָ — אַ שוואַכע ווערבע —  
האָט פאַרוואונדעט איר אַ בליץ.  
דאָרט — אַ שטאַרקע סאָסנע —  
איז געפאַלן פון אַ דונער.  
אַ קאָרן זאַנג — אַ זקן —  
שוין איינגאַנצן גרוי און אויסגעלוידיקט.  
קוקט ער אויס דערשלאָגן און באַלוידיקט.  
אַ פאַרגעסענער פון פריערדיקן דור.  
ער שאָקלט זיך מיט אַלע יונגע זאַנגען אויפן פעלד  
און מען קען אים קוים דערהערן  
אינם זינגענדיקן כאָר.  
און דער רבי בוים פאַרענדיקט:  
זאַנגען!  
אַפילו די וואָס וואַקסן שוין —  
באַקומען ניט דעם זעלבן לוין.“

(המשך קומט)



פריידיקן זייער לערע וואָס איז פונקט דער היפוך פון זיינער. האָט ער געבעטן זיין געטרייען תלמיד, ער זאָל עס ניט דערלאָזן.

און פאַרוואָס טאָר מען יענע ניט לאָזן פריידיקן?

„דערפאַר“, זאָגט פּאָולוס (173), „וואָס דער תכלית פון געטלעכן געבאָט איז ליבשאַפט פון אַ ריין האַרץ, און אַ גוט געוויסן, און אמתע אמונה. און פון די דאָזיקע זאַכן האָבן יענע זיך דערווייטערט, זיך אָפּגעקערט אַן אַ זייט צו נישטיקע דיבורים. זיי ווילן זיין לערער פון דער תורה, אָבער זיי פאַרשטייען ניט וואָס זיי זאָגן און וואָס זיי ריידן.“

דאָס מיינט, אַז די נוצרים וואָס ציטירן אויך פון דער תורה, און ברענגען אַרויס פון זייערע ציטאַטן דאָס פאַרקערטע וואָס ער, פּאָולוס, פריידיקט, קאָנען ניט די תורה און ווייסן ניט וואָס זיי ריידן. נאָר ער, פּאָולוס, אַליין איז ניט נאָר דער איינציקער אויטאָריטעט פון ישועס (יעזוס) לערע, נאָר אויך דער איינציקער וואָס פאַרשטייט די תורה.

„מיר, אָבער, ווייסן, אַז די תורה איז גוט, אויב אַ מענטש באַנוצט זי „ריכטיק“, שרייבט ער אין זעלבן בריוו צו טימאָטעיאוסן. „ווייל מיר ווייסן, אַז דאָס געזעץ פון דער תורה איז ניט געמאַכט געוואָרן פאַרן צדיק, נאָר פאַר די אומגערעכטע און ווידערשפּעניקע, פאַר די גאָטלאָזע און זינדיקע, פאַר די רשעים און אומווערדיקע, פאַר פאָטער־מערדערס און מוטער־מערדערס, פאַר רוצחים, נואפים, פאַר ליגנערס, פאַר די וואָס פאַרקערן געשלעכטלעך מיט זכרים, פאַר די וואָס גנבענען מענטשן (קידנעפּערס), פאַר פאַלש־שווערער, און פאַר אַלעס אַנדערעס וואָס איז קעגן דער געזונטער לערע פונם „גאָספּעל“ (בשורה), וואָס איז מיר אָנפאַרטרויט געוואָרן.“

דאָס געזעץ פון דער תורה, לויט זיין פאַרזיכערונג, איז גילטיק נאָר פאַר אַבשיילעכע פאַרברעכער און פאַר די וואָס זיינען קעגן זיין — פּאָולוס — אויסטייטשונג פון ישועס לערע.

פונדעסטוועגן, ווען ער האָט זיך, שפּעטער, פאַרטיידיקט פאַרן רוימישן גאָווערנאָר פעליקס, קעגן דער באַשולדיקונג פון די אידן, אַז ער האָט פאַרשוועכט דאָס בית המקדש, דורך אַריינברענגען אַהין ערלים, האָט ער פייערלעך דערקלערט (174): „איך גלויב אין אַלץ וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה און אין די נביאים.“ און טראָץ דער שלעכטער מיינונג וועגן דער תורה, וואָס ער האָט אויסגעדריקט אין זיין בריוו צו טימאָטעאוסן, האָט ער פאַרטגעזעצט צו פריידיקן צו זיינע גויישע אָנהענגער זיי זאָלן לעבן און זיך אויפפירן לויט די פאַרשריפטן פון תורת משה. אָבער ער האָט זיי, נאַטירלעך, ניט געזאָגט, אַז די אויפפירונג וואָס ער פריידיקט איז גענומען פון דער אידישער תורה און די לערע פון די אידישע נביאים.

ער האָט אַפּעלירט צו זיינע אָנהענגער זיי זאָלן אויסמיידן זנות, זיי זאָלן ניט גנבענען, ניט מאָרדן, ניט גלוסטן נאָך אַ צווייטנס אייגנטום, זיי זאָלן זיין ליבלעך איינער צום אַנדערן. (175) און, אויב מעגלעך, צו לעבן בשלום מיט אַלע מענטשן. (176) ער האָט זיי אויך געוואָרנט ניט צו זיין צו שטאָלץ (אויפגעבלאָזן) איינער קעגן אַנדערן. (177) אויסמיידן די געזעלשאַפט פון שלעכטע מענטשן (178) און פירן אַ שטילן רואיקן לעבן אין גוטסקייט און אין ערלעכקייט. (179)

אָט די אַלע גוטע מידות וואָס ער האָט געפריידיקט צו זיינע גויישע אָנהענגער האָט שאול (פּאָולוס) געלערנט פון דער אידישער תורה. אָבער פאַר זיינע אָנהענגער האָט ער פאַרדאַמט די תורה, און ער האָט באַשולדיקט שמעונען (פּעטרוס) אַז ער לעבט ווי אַ גוי און וויל זיינע גויישע נוצרים זאָלן לעבן ווי אידן. אין דער אייגענער צייט האָט ער (פּאָולוס) אַליין אויך געפריידיקט צו די געצנדינער זיי זאָלן געזעלשאַפטלעך זיך אויפפירן ווי אידן. ער האָט נאָר געזוכט צו מאַכן דעם

---

(173) פּאָולוס בריוו צו טימאָטעאוסן, קאַפּיטל 1, פּאַר. 7.  
(174) מעשים פון די שלוחים, קאַפּיטל 24, פּאַר. 14.  
(175) פּאָולוס בריוו צו די רוימער, קאַפּיטל 13, פּאַר. 9.  
(176) פּאָולוס בריוו צו די רוימער, קאַפּיטל 12, פּאַר. 10.  
(177) פּאָולוס בריוו צו די קאָרינטער, קאַפּיטל 4, פּאַר. 6.  
(178) פּאָולוס בריוו צו די קאָרינטער, קאַפּיטל 5, פּאַר. 11.  
(179) פּאָולוס בריוו צו טימאָטעאוסן, קאַפּיטל 2, פּאַר. 2.

ש. טענענבוים

# די וועלט פון א. לוצקי

„אַ בוך צום לבען" (ספר לחיים) פון א. לוצקי. ניו־יאָרק, 1948.

**(צו זיין 35־יאָריקן יובל)**

(המשך פון לעצטן נומער)

די פלאָרא איז די ערשטע וועלט־דערשיינונג אויף דער ערד. מענטש־פּאָעט ציט צו דער פלאָרא־וועלט. אָבער ער ברענגט איר נאָך מיליאָנען יאָרן זיין מענטשלעכע שפּראַך, זיין גערדאַנקענגאַנג, זיין שטימונג, זיין קאָליר און זיין שיקזאַלס־שפּיל. דער מענטש צווינגט אַריין די נאַטור אין זיין מענטשלעכער פרייד און טרויער. ער מאַכט בוימער פריילעך און טרויעריק. ער טוט אָן זיין שטימונג דער וועלט. די שטומע וועלט לאָזט זיך באַהערשן פונם מענטש. זי ווערט מענטשלעך. זי ווערט זיין דעקאָראַציע און זיין שטימונג. דער מענטש באַהערשט די וויסטעניש און מאַכט איר איבער. ער טוט אַריין אין איר זיין צווייפל און זיין פאַרצווייפלונג. די גאַנצע נאַטור ווערט מענטשלעך. און אַלץ וואָס איז אין איר געשעט, איז ווי עס וואָלט געשען אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אויב אין דער פלאָרא־וועלט האָט א. לוצקי אויסגעקליבן די שטאַרקע, די ריזן, די בוימער, ווינטן, טייכן בערגער טאָלן און פעלזן — האָט ער אין דער פאַונא, אין דער חיות־וועלט, אויסגעקליבן דווקא די שוואַכסטע און די קלענסטע. דאָ פאַראַדירט דער רעאַליסט און כישוף־מאַכער, דער נאַטוראַליסט און צויבערער, מיט די שוואַכסטע און צאַרטסטע באַשעפענישן. פון דעם פולן קאָסמאָס פון וואָלקן, וועלדער, טייכן, פעלזן און בוימער — גייט ער איבער צום קאָסמאָס אין מיניאַטור, צום מאַקראָקאָסמאָס. כדי דאָ „שוואַרצקינצלעריש" און טויזנט מאָל חנעוודיק זיך צו באַוועגן אין אַ וועלט פון די „נישטיקסטע" מאַריאָנעטן. און וואָס קומט דאָ פאָר? דאָסזעלבע שפּיל: דער גורל פון מענטש, דער מאַנטל פון שיקזאַל, אַרויפגעוואָרפן איבער די באַשעפענישן פונם מאַקראָקאָסמאָס. דו רירסט אָן דאָס מינדעסטע פליגעלע, און דו רירסט אָן די ווונדן פון אַ מענטש, די ווייטיקן און דעם שיקזאַל פון די מענטשן. די היימישע חיה, דער היימישער אינסעקט,, אַלץ איז געוואָרן אַ טייל פון דעם מענטשן און פון זיין שטוב און פון זיין סביבה.

עס איז פאַראַן אין א. לוצקיס פּאָעזיע אַ גרויס מיטגעפיל צו דער וועלט פון קליינע „נישטיקע" ברואים. עס איז אַ סאָציאַליזם וואָס ברייטערט זיך אויס אויף גאָר די וועלט פון מיניאַטור־לעבנס. ער נעמט אַרום מיט אַ וואַרעם געפיל און מיט זייז האַרציקן הומאָר דאָס לעבן פון דער פלאָראַ און דער פאַונאַ־וועלט.

און דער מענטש? דורך די ליבע, צאַרטע באַשעפענישן ווייזט לוצקי דעם מענטש. דאָ קומט פאָר ווי אין די פאַבלען פון עזאָפּ. אין מויל פון חיות לייגט דער אוראַלטער הויקערדיקער פאַבעליסט אַריין געפערלעכע פראַזן און געדאַנקען וועגן די מענטשן. דאָס וואָס מען קען קוים דעם מענטשן לאָזן רעדן, דערלויבט מען די „נאַרישע" חיות. די פאַבל איז טאַקע אַנטשטאַנען ווי אַ פאַרשטעלטע פאָרם פון קריטיק אויף דער געזעלשאַפט. א. לוצקי, אין זיין ליבן הומאָר, אין זיין בייסיקער קריטיק, אין זיין שאַרפער סאַטירע, גיט אין זיינע חיות־מאַריאָנעטן דאָס בילד פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. שוין אין זיין בוך „פּאָרטרעטן" זעט מען וואָסאַראַ גרויסער קענער ער איז פון דעם מענטש, מיט אַלע זיינע טויזנט שוואַכקייטן.

„אין גרונט פון אַ טעפּל, פאַרבאָרגן אין קיך,
דאָרט וואוינען די מילבן — אַ וועלטל פאַר זיך.
ביי זיי אַ פאַרמעגן — אַ דרויבעלע גרויפּ.
אַ פּיצעלע מעליץ, אַן אוצר קרויט,
פּרנסה ביי מילבן — נישט אַלע באַגלייך:
אַ סך זיינען אָרעם, אַ טייל זיינען רייך.
זיי קריגן זיך אָפּטער, און קעמפן פאַר שפּייז.
אַז דער — וויל איינגאַנצן, און דעם — פעלט אַ בייס.
אַ מילבל אַ זקן — איז קוים וואָס ער גייט.
שוין שפּעט צו דעריאָגן, ער ווייסט און פאַרשטייט.
אַן איידעלע מילבל — קען אויסגיין, און שאַ.
די שטאַרקערע כאַפּן און טומלען הו־האַ!
די „גייסטיקע" מילבן, וואָס טראַכטן פון „טויט" —
זיי לעבן אין דחקות און שטאַרבן אין נויט.
די מילבן מיט חוצפּה — פאַר זיי איז דער טאָפּ.
זיי לאָזן זיך וואויל גיין און פירן זיך גראָב.
הוליאַנקעס און שמחות — געפערלעך פאַרשייט.
אַ מילבעלע צערטלט אַ מילב ביי דער זייט.
געטוליעט, געהוליעט, מען גייט שוין אַוועק,
ווען אַלע צעגאַנגען — באַרעדט מען אַ שרעק...
אַ מילבעלע „נפטר" — ליגט ער ווי מיסט.
אַ צדיק ביים לעבן — געליטן אומזיסט."

דאָס ליד נויטיקט זיך נישט אין קיין קאָמענטאַרן. הגם א. לוצקי באַזיצט אַ קאָנצענטרירטע, קאָרגע און צמצום׳דיקע שפּראַך, איז ער אָבער אויסגעשפּראָכן און שאַרף און קלאָר.

אין אַ צווייטן ליד פרעגט א. לוצקי „ווער איז מענטש" און ער גיט דעם ריכטיקן ענטפער:

„... ווער איז מענטש?
ער שמייכלט מילד אין גוטן מוט —
און ווערט אַ ברוט — אין איין מינוט.
ער שאַרפט דאָס וואָרט און קניפּט די רוט,
און פלאַמט און סמ׳ט זיין חברם בלוט.
ווער איז מענטש?
אַט ערשט — אַ וואָלף, און שוין — אַ לאַם.
אַליין דער פלאַם וואָס צינדט זיין שטאַם.
אַליין דער קנעכט וואָס היט זיין צאַם.
אַליין דער האַר וואָס קלעמט אין קלאַם.
ער גראָבט דאָס גאָלד — און לעבט אין נויט.
ער מאָלט די מעל — און זאָרגט פאַר ברויט.
ער זאַמלט רויב — און שאַפט געבאָט.
ער זינקט אין שטויב — און רעדט צו גאָט.
ער נידערט דיך — צו הויבן „זיך".
ער לייקנט דיך — צוליב זיין איך.
ער ליבט די וועלט און לעבט אין האַס.
ער פרומט אין בוך — און פעלשט אין גאַס.
ער טויט זיין שענסטן אידעאַל
צוליב אַ קנעפּל — אַ מעדאַל." א. אַז. וו.

* * *

אַט אַזוי שאַפט א. לוצקי וועגן דער וועלט. די וועלט איז זיין גרויסער קאַרנאַוואַל. די וועלט איז די גראַנד־קאָמעדיע. און אַלץ שפּילט אין איר זיין קלאָונישע ראָלע. אין אַ ווירבל־ווינט פון וועלטן און זאַכן דרייט זיך דער פּאָעט. דער פּאָעט — אַ טייל פון דער גראַנד־קאָמעדיע, זיך נישט שווינענדיק אין פולע לידער. זיך נישט מאַסקירנדיק אין פאַרביקע מאַסקעס. נישט זינגענדיק זיינע לירישע געפילן, נאָר זיין אייגענעם עגאָאיזם. זיין שטוינונג און זיין וואונדערן זיך. זיין ווערן פאַרציטערט און פאַרבלענדט פאַרן גרויסן שפּיל פון אוניווערס. ער אַליין — אוראַלט, אין שטענדיקן נאָכטאַנצן דעם ספערישן טאַנץ פון די שטערן. דעם טאַנץ פון לעבן. און אין דער דאָזיקער גראַנד־קאָמעדיע איז א. לוצקי דער ייד, דער בדחן, דער מנחם־מענדל, דער וועלט־וואַנדערער; און די שרעק, דער אומרו, די אייביקע בייגעריקייט, וואָס איז א י ד י ש.

אין א. לוצקיס פּאָעזיע זיינען נישט פאַראַן קיין פאַלשע אידעאַלן. קיין גרויסע טעאָריעס. קיין רעקלאַמע פון יחידים און פעלקער. קיין מאַרטירעריי און קיין פאַרטיי־פּאָליטיק. קיין רייסן זיך מיטן האַלדז צום ביטערן גאַלגן־שטריק. דאָס איז אַ פּאָעזיע אַן עכט־רעאַליסטישע און פאַנטאַסטישע. דאָס איז אַ פּאָעזיע אין וועלכע עס הויזן גרויס און קליין. דאָס געוואַלטיקע און דאָס מיניאַטורנע. דאָס גראַנדיעזע און לעכערלעכע. זיין וועלט איז אַ צירק. און דאָסזעלבע פּנים וואָס וויינט—לאַכט. און דאָס לאַכנדיקע פּנים איז אויסגעשמירט אין טרערן.

מיט איין וואָרט: אין אַ פאַנטאַסטישער, גראָטעסקער, אויסגעקרומטער און קרום־שפּיגלדיקער וועלט פאַראַדירט אַלץ — דער וועלטס נאַר, דער וואַנזיניקער מיטן ברענענדיקן שטערן, דער קלאָון

יצחק ליבמאַן

# עס רעדט די פרוי *)

ג

אוּן ווידער רעדט
די נייע פֿרוי;
זי רעדט שוין איצט
ניט סתם אַזוי.

זי האָט איר וואָרט
אַרויסגעשיקט,
ווי נחם טויב —
דער וועלט צו גליק.

נאָר ס׳רעדט ניט איצט
נאָר פֿרוי, נאָר ווייב;
צעברויזט, צעהיצט
איז מאַמעס לייב.

זי רופֿט איר האַר
צום יום־הדין;
און מאָנט פֿאַר צער
פֿון אירע זין.

*) זע ערשטע צוויי טיילן פון דער פּאָעמע „עס רעדט די פרוי" אין נומער 406 און 407.

---

וואָס קריגט די פּעטש, און ער זאָגט יעדערן זיין גרויסן אמת און ער טאַנצט פון באַשעפעניש צו באַשעפעניש אַזוי ווי אַ שיכורע בין טאַנצט אין עקסטאַז פון בלום צו בלום.

א. לוצקי איז נישט נאָר פּאָעט, נאָר אַקטאָר. וואָרט איז אַ יחוס. אַקטאָר ווייסט נישט פון קיין דיסטאַנץ. אַקטאָר־פּאָעט שפּילט אין לעבן און אויף דער בינע. די שרייב־קונסט איז שוין אַ דעגענעראַציע, דאָס אוראַלטע ליד איז אָנגעטאָן אויפן פּאָעט. עס איז אויפן פּנים ווי אַ מאַסקע. נישט צום לעזן איז דאָס ליד, נאָר צום זען. צום הערן. צום לאַכן און צום וויינען. אַלע לידער קלעפּן נאָך אויפן פּאָעטס פּנים און האַרצן.

וואו אַ קליינע גרופּע, ציטערט אויף דער פּאָעט מיט זיין ליד. עס איז נאָך עלטער פון סאָקראַטעסן, ווען די פילאָזאָפיע איז געווען אויפן גאַס, נישט אין בוך. עס איז נאָך עלטער פון אַטען און ירושלים. פּאָעט איז נאָך אין גרויסן וואַלד. די לבנה איז רויט ווי פייער. פּאָעט איז אַקטאָר, זינגער, טענצער, היילער. דאָס ליד איז באַנדאַזש. עס היילט די מענטשלעכע וואונדן. דאָס ליד מאַכט צום לאַכן. מאַכט אויסצודרייען אַלע שדים, אַלע קראַנקהייטן. אַלע לידער טראָגט נאָך דער פּאָעט אין זיך. די לידער זיינען טויזנט קליינע מאַריאָנעטן אין זיין האַרצן.

יעדעס ליד האָט זיין אייגענע פאָרם און געמיט, לויט דער טבע פון דער זאַך נאָך. יעדעס ליד האָט זיין שפּראַך און שטימונג. און אַלע לידער זיינען געבונדן צום פּאָעט־אַקטאָר ווי די בלעטער צו אַ בוים. און דער בוים וואַקסט פון הימל ביז צו דער ערד און ער נעמט אַרום גאָר די עקזיסטענצן פון דער וועלט. ער רירט אָן אַלע שיקזאַלן. ער ווערט גערירט פון אַלע לעבנס. אַלעמענס ליידן און פריידן ווערן זיינע לידער. אינמיטן דער וועלט שטייט דער פּאָעט, ווי אַ בוים, און אויף זיין פּנים קלעפּן די מאַסקעס פון אַלע פּנימער פון דער וועלט. איין מינדעסטער ציטער — און אַלע פּנימער לויכטן. און די וועלט ווערט דערוועקט צום לעבן, צום גרויסן, הערלעכן שפּיל פון לעבן.



עדות זאָגן
ט׳מאַמע שרה;
ז׳קומט מיט טענות
האַרבע, קלאָרע.

„ער האָט מיין זון —
מיין בלוט, מיין טראַכט —
צו דער עקידה
שיר אומגעבראַכט."

און זינט יצחקס
טאָג־פֿון־קרבן —
אָ, פֿיל יונגנט
ז׳אויסגעשטאָרבן?!!

ווייל וואו אַ נויט —
אַ קינד אין שניט;
ביי ערשטע טריט:
נאָך קוים צעבליט.

און וואו אַ פֿעלד —
מיין בלוט פֿאַרזייט;
און פֿאַלט אַ העלד —
רוט דאָרט אַ שטיין.

איז ווען איר זעט
ווי מאַמע־פֿרוי
ווערט יונגערהייט
אי אַלט, אי גרוי.

איז דאָס איר לוין
פֿאַר יאָרן פּיין!
נאָר וועט דאָס שוין
אויף אייביק זיין?

אָ, ניין! אָ, ניין! —
הילכט מאַמעס רוף;
און איר געוויין
רייסט הימלען אויף.

מיט עמאַס וואָרט
פֿון פֿרייהייט־רוף —
אויף יעדעס אָרט
די פֿרוי שטייט אויף!

און שטרעקט איר האַנט —
די גיבורטע.
און מויערט וואַנט —
„אָוו ליבערטי".

די „סטעטשו"־פֿרוי
האָט זיך דערוועקט, —
און טרייסלט וועלט
פֿון עק צו עק.

ביז זון אין רוים
וועט שיינען קלאָר!
און זיסער טרוים
וועט ווערן וואָר.

(סוף קומט)